START

CONTROL TEST TARGET
for Kodak Quality Monitoring



Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww Xx Yy Zz

Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww

Note: This target is intended for routine quality control checking and uniformity.
It is not to be used for certification of meeting any ANSI or ISO Standards for image quality requirements.
Note: To record background density, use a blank sheet of white paper.

A-2289 CAT 800 7403 Rev. 2/00 @ Eastman Kodak Company, 2000 Printed in U.S.A.

Document Imaging
EASTMAN KODAK COMPANY
Rochester, New York 14650
1-800-232-8811

DOCUMENT IMAGING

Microfilmed 2004
By the
Center for Jewish History

For
YIVO Institute
For Jewish Research

NEW YORK, NY

Reproduction may not be made
without permission.

YIDDISH DRAMA

PRESERVATION

PROJECT

YIVO
LIBRARY

REEL
Y-2004-1892.19

Marshak, Daniyel.
Tamare.
Minsk, 1928.

BIBLIOGRAPHIC RECORD TARGET

YIVO INSTITUTE FOR JEWISH RESEARCH

Master negative Storage Number Y-2004-1892.19

Marshak, Daniyel, 1872-1937.
Tamare.
Minsk : Vaysruslendisher melukhe-farlag, 1928.
87 p.

1. Yiddish drama.—lcsh
I. Belarus-Mensk

ID : NXYH01-B19622 CC: 9114 DCF: [HBR]
CALL #: /35247

Reduction ratio X 10.0

ראַים מאַרשאַק

טאַמאַרע

פיעסע אין 3 אקטן

ווײסרוסלענדישער מעלוכע-פאַרלאַג
מינסק — 1928

4098 – 8

י. מארשאק
כאַים

טאמארע

פיעסע אין 3 אקטן

ווייסרוסלענדישער מעלוכע-פארלאג
מינסק — 1928

גאים

טאמארע

באַשטעלונג 26431. טיראַזש 1500. גלאַוולִיטבעל 50.

מִינסק, 1-טע דרוקעריי פֿון ווייסרוסלענדישן מעלוכע-פֿאַרלאַג.

פערזאָנען:

אוורעמל ווילק

ביילע — זיין ווייב

טאמארע — זייער טאָכטער

מענדל כאָנעס

לייבקע קאגאן

מאָשע-כאים

פעסקין

וואנסיאצקי

באסאוויטש

סאפראנסקי

רויט ארמייער, באנדיטן, טשעקיסטן, מיליציאנערן.

ארט פון דער האנדלונג — ווייסרוסלאנד.

צייט — דער פוילישער אנגריף 1919.

ערשטער אַקט.

(אַוורעמל ווילקס וואָינונג. אין הינטערגרונט אַ טיר צו דער גאַס און צוויי פענצטער. לינקס אַ טיר אין מענדלס צימער, רעכטס אַ טיר אין אַן אַנדער צימער. לעבן די ווענט: לינקס אַ שניידערטיש, דערביי אַ פאָר שטולן און בענקלעך, אין אַ ווינקל א ניימאַשין; רעכטס אַ שפיגל און אן אַלטער טאַפטשאַן. ווו ניט ווו אַף די ווענט ליידיקע הענגערס פון בגאָדים. פון ווייט הערן זיך דורכן גאַנצן אַקט ווען ניט ווען איינציקע שווערע קלעפּ פון האַרמאַטן. פון גאַס הערט זיך, אויך דורכן גאַנצן אַקט, אַ ראַש פון אַווטאָמאָבילן, מאָטאָציקלעטן, פון רייטער און פון פוסגייער. אַוורעמל ווילק זיצט אַפן טיש, נייט פויל. שפרינגט אַלע ווײַלע אַראָפּ און גייט צום פענצטער, קוקט אַרויס און גייט צוריק אַף זיין אָרט. קימאַט בא איטלעכן קלאַפּ פון האַרמאַט גיט ער אַ נערוועזן ציטער. ביילע קומט פון רעכטס איילנדיק, שלעפּט אַ גרויסן טשעמאָדאַן, פּאַקט עפּעס אין אים, לויפט דורכן טיר, קומט ווידער צוריק מיט פעקלעך, וועלכע זי שפּאַרט קרעכצנדיק אין טשעמאדאן).

אַוורעמל.

דוכט זיך, די שיסעריי איז די לעצטע צייט ניט נעענטער געקומען. דו באַמערקסט ניט? האַ, ביילע?

ביילע.

עפשער וועט שוין טאַמאַרע ניט דאַרפן פאָרן?... (קוקט אַף אים דערוואַרטנדיק).

אַוורעמל.

אַ גליק וועט איר געשען! (נייט)

בײלע.

„אַ גליק וועט איר געשען״... וואָס א

איך וועלן וויסן. אַוואַדע אַ גליק.

אַורעמל.

רעב קלעזמער, שפּילט מיר אַ נײס (קורצע פויזע).

בײלע.

אַז דו ביסט דאָך אַלעמאָל מער מעשוגע איידער די גאַנצע וועלט.

אַורעמל.

(ענטפערט ניט, גייט צום פענצטער, קוקט אַרויס, די באַוועגונג אין דרויסן האָט זיך אַביסל פאַרשטאַרקט).

וואָסערע אויסגעדאַרטע פּעניִמער... אַלץ אַפּן פּראָנט.

בײלע.

(פאקנדיק).

וואָלט כאָטש געווען אַ פּאָר לעבלעך ברויט איר מיטצוגעבן...

(זיפצט, אַורעמל גייט שווייגנדיק צום טיש, קריכט אַרוף, נייט).

בײלע.

ווי דאָס איז, אינדערהיים איז מען נאָך פאַר הונגער ניט געשטאָרבן. קימאַט שטענדיק געווען, וואָס אין מויל צו נעמען: פאַר זיך — ווי עס וויל זיך, אָבער פאַר איר... אין דער פרעמד — ווער וועט איר דאָרטן עפּעס אָנגרייטן, ווער וועט איר דאָרטן עפּעס געבן?.. (ווישט זיך די אויגן, אפּ רעכטס).

אַורעמל.

(קרעכצט, רוקט זיך אומרויִק אום אפּן טיש).

עכעכעכע! וואָלט נאָר... וואָלט נאָר... עט.

פּעסקין.

(קומט פון גאס).

גוט מאָרגן! מיין זונס קאָסטיום איז פאַרטיק? (קוקט זיך אום). קיינער נישטאָ?

אורעמל.

רעט גיכע[...]ראַים איר האָט וואָס. די ווייב מיינע קען יעדע מינוט אַריינגיין.

פּעסקין.

איך גיי נאָר וואָס פון וואנסיאַצקען. געווען דאָרטן דער גאַנצער פּניי זייערער (זעצט זיך). אופּף הייס.

אורעמל.

נו?

פּעסקין.

היינט דאַרף דאָס ווערן אָפּגעטאָן.

אורעמל.

היינט? (קריכט פון טיש) הייסט דאָס—היינט...

פּעסקין.

דער פּלאַן איז, ווי איר האָט מיט זיי אָפּגערעט: אופרייסן די בריקן און דעם שטאַב...

אורעמל.

(גייט אום).

די בריקן און דעם שטאַב...

פּעסקין.

אי א יידל! אַ שניידער, דוכט זיך — און רעט וועגן פּלענער און גיט אייצעס אַזוינע לייט, אַזוינע בערן, ווי וואַנסיאצקען און די איבעריקע (מאכט הינטער אים א גרימאסע), און איך זיך און קוק און וווּנדער זיך. אַזאַ קאָמפּמענטש — איך האָב ליב צו זאָגן דעם עמעס...

אורעמל.

(מאַכט אַן אומגעדולדיקע באַוועגונג).

עט, צו וואָס די איבעריקע רייד? — די ווייב קאָן יעדע מינוט אַריינגיין. זאָגט, ווו האַלט עס. בעקיצער.

פ ע ס ק י ן.

זאָג איך דאָך: דער פּלאַן איז ווי א[illegible] ...ט זיי אָפּגע-רעט. איך ווייס דען? איר פאַרשטייט [illegible] דאָס בעסער. אַ אַ קעפּעלע באַ אייך! — אַ געניאַלער מויעך! (מאַכט הינטער אים א גרימאַסע)

א וו ר ע מ ל.

(ווי צו זיך).

אַלזאָ, היינט... דעם שטאַב און די בריקן.

פ ע ס ק י ן.

יאָ, אויפרייסן. און אויב ס׳וועט זיך איינגעבן, וועלן מאָרגן די פּוילישע שוין אַריין אין שטאָט.

א וו ר ע מ ל.

(ווי פריער).

מאָרגן... מאָרגן שוין וועלן זיי אַריין אין שטאָט...

פ ע ס ק י ן.

איז אַלזאָ, פאַניע ווילק, וואָס איר האָט גענומען אַף זיך.

אַ וו ר ע מ ל.

האַ?

פ ע ס ק י ן.

דעם פּאַסיר-צעטל מיטן פּאַראָל... (ביילע קומט מיט פּעקלעך) דעריקער — דעם אויבערשטן קנעפּל איבערזעצן — עס ציט אַף אים דער גאַנצער רעקל.

אַ וו ר ע מ ל.

אַף אַסאַך איבערזעצן?

פ ע ס ק י ן.

אַף אַ פינגער, ניט מער. לויזער מאַכן אַביסל. אָט-אָט אזוי ציט עס אַף אים. איר וועט וויסן, ווי צו מאַכן?

אַ וו ר ע מ ל.

איך וועל וויסן (קוקט דורכן פענצטער).

פ ע ס ק י ן.

[illegible]...קט אויך דורכן פענצטער).

און איר האָ[illegible] ...ראים די גאַנצע פרייליעכקייט: אַלץ פאַרביי איי-ערע פענצטער. די פאַרוואונדעטע אויך (ברומט א ניגון), טיי-טיי-טיי.

ב יי ל ע.

(גיט א קוק דורכן פענצטער, זיפצט אפּ, פּאַקט ווייטער דעם טשעמאָדאַן).

פ ע ס ק י ן.

דערפאַר וועט איר דאָ איניגיכן האָבן דעם עמעסן נאַכעס, ווען די פּוילישע וועלן אַריין אין שטאָט.

ב יי ל ע.

טפו, ניט דערלעבן זאָלן זיי. „נאַכעס״! אַפּאָנים, לייט האָבן שוין אָנגעגרייט מיט וואָס צו קויפן ווייסע בולקעס.

אַ וו ר ע מ ל.

(ווי צו זיך).

מאָרגן עפשער שוין... (קריכט אַפן טיש, מאַכט זיך א פּאַפּיראָס).

פ ע ס ק י ן.

אָנגעגרייט — זאָגט איר. וואָס איז דער פשאט — אָנגע-גרייט? אַז מ׳וועט לאָזן האָרעווען... פאַרויכערט מיינעם אַ פּאַפּיראָס, פאַניע ווילק (פּרעזענטירט זיינע פּאַפּיראָסן, פאַרויכערט).

אַ וו ר ע מ ל.

(נעמט ניט).

עט, איך בין שוין צוגעוואוינט צו מיינע מאַכאָרקע (פאַרענדיקט זיין פּאַפּיראָס, פאַרויכערט).

פ ע ס ק י ן.

מ׳זאָל נאָר לאָזן האָרעווען, זאָג איך — ניט עמעס, פאַניע ווילק? — מ׳זאָל נאָר לאָזן האָרעווען, וועט שוין יעדער איינער פאַרהאָרעווען אַף אַלץ, וואָס ער דאַרף.

ב יי ל ע.

אַכוץ די, וואָס האָרעווען.

פּעסקין.

(ציט די אַקסל, רויכערט) [illegible]

אָסער צי מ׳קאָן גאָר רויכערן זייערע [illegible] אָסן אַפּילע. אַז קיין זאַך קאָנען זיי ניט שאַפֿן, און אַלץ ווערט צושטערט און אויפֿגעפֿרעסן, און יענער זאָל הארעווען, זאָל שאַפֿן — לאָזט מען דאָך אויך ניט (קוקט פון דער זייט אַף אַוורעמלען). און דאָס לאַנד ווערט כאָרעוו... ניט עמעס, פאַניע ווילק? (אַוורעמל ענטפֿערט ניט) אַ פּאַפּיראָס! אַמאָל, אַז מ׳פֿלעגט פֿאַרויכערן, פֿלעגט עפּעס זיין געשמאַק.

ביילע.

אַז אַמאָל זיינען גאָר קיין שלעכטע פּאַפּיראָסן ניט געווען — ניט געווען, ווער ס׳זאָל זיי קויפֿן. אַז יעדער אַרבעטער, יעדער פויער האָט דאָך געראויכערט ערשטן סאָרט. ניט עמעס, אַוורעמל? זע, וואָס ציטערסטו אַזוי?

אַוורעמל.

איך ציטער גאָרניט (שטארקט זיך, קריכט פֿון טיש, שטעלט זיך צום פֿענצטער). וואָס האָב איך צו ציטערן מער פֿון אַלעמען?

פּעסקין.

איז וואָס ווילט איר — אַז יעדער אַרבעטער, יעדער פויער זאָל רויכערן האַוואַנע-ציגאַרן?

ביילע.

עט, מיט מיין מאַן וועט איר זיך שוין גיכער אופֿריידן (אפ רעכטס).

אַוורעמל.

(פֿאַרמאַכט גוט די טיר הינטער איר).

צופֿיל רעט איר, פאַניע פעסקין. איר האָט נאָך עפּעס מיר צו זאָגן? זאָגט גיכער און גייט.

פּעסקין.

(שאקירט).

וואָס הייסט? (בייט טייקעף דעם טאָן). איר זייט גערעכט, פאַניע ווילק, איר זייט קליגער פֿון מיר. איר זייט פּאָשעט אַ כאָכעם.

איך האָב [illegible] גערעט. איז יאָ. איז הייסט עס — דעם פּאַסיר-צעטל מיטן [illegible] ראָל.

אַוורעמל.

דאָס וועלן זיי פֿאַרנאַכט באַקומען.

פּעסקין.

דאָ בא אייך?

אַוורעמל.

דאָ.

פּעסקין.

זיכער?

אַוורעמל.

זיכער.

פּעסקין.

גיי איך, הייסט עס.

אַוורעמל.

און די לאַגע אַפֿן פֿראָנט?

פּעסקין.

די לאַגע אַפֿן פֿראָנט? איך ווייס ניט גענוי. זיי וועלן קומען, וועלן זיי אייך זאָגן אַקוראַט (וויל גיין). אָבער דאָס איז זיכער?

אַוורעמל.

זיכער.

(פעסקין אָפּ: ביילע קומט מיט זאַכן, קוקט נאך פעסקינען, נעמט פאַקן אין טשעמאדאַן).

ביילע.

וואָס זאָל איך דיר זאָגן, אַוורעמל, איך וואָלט ניט וועלן זיינע ארבעט און וואָלט ניט וועלן ער זאָל גיין אהער, דיין קאָמפּאַניאָן — פעסקינען מיין איך דאָס.

אַוורעמל.

מיין קאָמפּאַניאָן?

ב ײ ל ע.

וואָס דען — מײנער? זעצן זיך אַוועק [illegible]אָר — דער אַל־טער בונדאָוועק מיטן אַלטן ספּעקוליאַנט — ווי כאָסנס צאַד אַף כאַסענע און דרײען מיט די נעזער: די טײגלעך צו האַרט, דאָס געבראָטנס ניט פאַרברוינט, די פּאַפּיראָסן ניט קײן געשמאַקע — אַ קלאַל, די קאַלע ניט קײן בעריע, — אָפּגענאַרט זײ גאָר אינ־גאַנצן מיטן שידעך!

ט אַ מ אַ ר ע.

(קומט האַסטיק פון גאַס מיט אַ וועלאָסיפּעד).

וואָס הערט זיך דאָ? אונדזער אָפּטײל איז שוין אינגאַנצן ליקווידירט, אַלץ אײנגעפּאַקט, אָבער פאָרן — ווײס מען נאָך ניט. מירן זײ נאָך אַזוי גיך די שטאָט ניט אָפּגעבן (שטעלט אַוועק דעם וועלאָסיפּעד, טוט אויס דעם מאַנטל, וואַרפט אים אַוועק אַף אַ שטול. פון גאַרטל הענגט בײ איר אַראָפּ אַ רעוואָלווער מיט אַ קינזשאַל). וואָס איז דאָס פאַר אַ טשעמאָדאַן, מאַמע?

ב ײ ל ע.

וואָס וועל איך וואַרטן? — עפשער דאַרפסטו נאָך הײנט פאָרן?

ט אַ מ אַ ר ע.

אוי, מאַמעלעך! פאַר מיר ד ע ר טשעמאָדאַן? נײן, נײן, נײן, איך דאַרף ניט, איך דאַרף קײן טשעמאָדאַנעס ניט. אַ פּאָר שטיקלעך וועש און... און... און גענוג צו רײדן, מאַמע, גענוג, גענוג, גענוג. דו ווײסט דאָך אַלײן אויך, אַז איך קאָן מער ניט שלעפּן מיט זיך. און זײ אַ יאַט, מאַמע, ווישׂ אויס די אויגן: דו ביזט דאָך אַלײן אויך געווען אַ רעוואָלוציאָנערקע (גיט איר אַ גלעט איבערן קאָפּ, זעצט זיך פאַרמאַטערט, אומזיכער). פאַראַן עפּעס... אַ ביס צו טאָן?

ב ײ ל ע.

עטלעכע קאַרטאָפל געבליבן פון נעכטן.

ט אַ מ אַ ר ע.

און דו? און דער טאַטע?

ב ײ ל ע.

געגעכן, געהאַים דאַיגע נאָר פאַר אונדז. אַפן פּריפּעטשאָק שטײט. גײ, נעם.

ט אַ מ אַ ר ע.

אַן עמעס — איר האָט שוין געגעסן?

אַ וו ר ע מ ל.

אַן עמעס, אַן עמעס. מאָגסט זיכער עסן.

ב ײ ל ע.

גײ, גײ, מײן קינד. אַז מ'זאָגט דיר... (טאַמאַרע צעגערנ־דיק אַף רעכטס).

ב ײ ל ע.

דו האָסט אויך געדאַרפט אופעסן כאָטש אײן קאַרטאָפל — כאָטש אַביסל דאָס האַרץ דערכאַפּן. דו האָסט דאָך פון נעכטן אָן נאָך גאָרנישט אין מויל געהאַט.

אַ וו ר ע מ ל.

און דו? (קורצע פּויזע).

ב ײ ל ע.

אַז אָך און ווײ — אַ לעבל ברויט כאָטש מיטגעבן איר... זע, זע — וואָס דערשרעקסטו זיך אַזוי בײ יעדן שאָס?

אַ וו ר ע מ ל.

איך דערשרעק זיך זאָגסטו? וואָס האָב איך זיך אַזוי שטאַרק צו שרעקן? איך שרעק זיך גאָרניט, מאַלע וואָס דיר דוכט זיך (סטאַרעט זיך צו זײן גלײכגילטיק, ווישט די ברילן, מאַכט זיך אַ פּאַפּיראָס) ברויט, זאָגסטו? פאַר טאַמאַרען? דאָס איז גראָד גאָרנישט. גיב איך איר מײן זײגער מיט זיך, וועט זי אים דאָרטן אויסבײטן אַף אַ לעבל ברויט, אָבער... אָבער... (שפּרינגט אַראָפּ פון טיש שטעלט זיך צום פענצטער). אָבער... (וויל עפּעס זאָגן, האַלט זיך אָפּ, רויכערט שטאַרק. טאַמאַרע קומט מיט אַ פּאָר קאַרטאָפל אין די הענט, עסט. בײלע שטײט אומאַנטשלאָסן לעבן אַפענעם טשעמאָדאַן).

אַוורעמל.

(פאַרטראַכט).

וועד ווייס — עפשער מאָרגן שוין, אָדער איבערמאָרגן וועט דער גאַנצער פלאַץ דאָ זיין פאַרגאָסן מיט יידיש בלוט (שוידערט).

טאַמאַרע.

(מיט א פולן מויל).

יאָ, יאָ, די פאָליאַקן וועלן קיין יידן נית שוינען. אַ פאָגראָם איז באַ זיי דאָס ערשטע.

ביילע.

(קוקט דורכן פענצטער).

אוי וויי, אוי וויי...

אַוורעמל.

(שלעפט זיך עטלעכע טריט ווי אונטער אַ שווערער מאסע, גייענדיק גלייכט ער זיך אויס, ווערט שטייפער בא זיך).

די פאָליאַקן וועלן דאָך אָבער אַלע יידן נית אויסקוילענען: צום ווייניקסטן 75 פראָצענט וועלן דאָך בלייבן לעבן. און אָט די 75 פראָצענט זיינען דאָך מאַמעש גערעַטעוועט פון זיכערן טויט. וואָרעם ווען די סאָוועטנמאַכט וועט פאַלן, וועט מען געוויס אויסשעכטן אַלע יידן ביז איינעם. איינער וועט אַפילע נית בלייבן אַ לעבעדיקער אין גאַנץ רוסלאַנד. דו האָסט פאָרט נית געדאַרפט פאָרן, טאַמאַרע, פאָלג מיר.

טאמארע.

עס. אויב דערטרונקען ווערן, טאַטע, איז אין יאַם, און נית אין אַ בלאָטקע. און אָפגעבן זיך דעם סוינע אַף זיין כעסעד?!— הונדערט מאָל בעסער — פאַלן איניינעם מיט דער סאָוועטנמאכט.

ביילע.

(כאפט זי ארום, קושט זי).

פאר, פאָר, מיין טאָכטערל, פאָר, מיין קינד, פאָר.

טאַמאַרע.

(ראַים... נדיק די מוטער אַרומגענומען)

און דו זאָגסט, טאַטע: „ווען די ראַטנמאכט וועט פאַלן"...— ניין, זאָג איך, די ראַטנמאַכט וועט נית פאַלן, זי וועט לעבן, זי וועט...

אַוורעמל

(מיט פעסטער איבערצייגונג) און איך זאָג דיר, אַז נית, זי קאָן נית לעבן, זי וועט פאַלן, זי מוז פאַלן.

מענדל.

(קומט פון גאַס מיט אַ פאָרטפעל, ווישט זיך דעם שווייס) שאַ, וואָסערע קוילעס? וואָסער היץ? ווער וועט פאַלן? די סאָנים פון קאָמוניזם וועלן פאלן! אַלע!

טאַמאַרע.

אַלע, מענדל, אַלע! (לויפט צו מענדלען, כאַפט אים פאַרן האנט).

אַוורעמל.

יאָ, טאַמאַרע, יעצט ביסטו שוין זיכער: אַז מענדל זאָגט, איז שוין היילִיק.

טאַמארע.

וואָס עפעס—„מענדל זאָגט"? איך זאָג אויך, און מיר אַלע זאָגן און מיר קעמפן...

אַוורעמל.

יאָ, יאָ, קעמפט, קעמפט.

מענדל.

און מיר קעמפן טאַקע! און איך האָב געבראַכט גוטע נייס, טאמאַרע. איך גיי נאָר וואָס פון... נאָר דאָס איז נית וויכטיק. מיט איין וואָרט—אונדזערע שלאָגן זיך העלדיש. מירן זיי נאָך די שטאָט נית אָפגעבן. אַלנפאַלס—נית אַזוי גיך, די עוואַקואַציע האַלט זיך אָפ.

בײלע.

אָי, האַלעװאַי, זאָלן זײ זיך קײנמאָל [illegible] אַקױרן, װעט, װעט... (אָפּ רעכטס).

טאַמאַרע.

בראַװאָ! בראַװאָ! (צולעבט) אָי, מענדל, שטאַרבן קאָן מען פֿון מײַן מאַמען. און איר זעט, װאָס זי האָט מיר שױן אָנגעגרײט אַפֿן װעג? סאַראַ מאַכינע! (שלעפּט פֿון טשעמאָדאַן, לאַכנדיק אַ קלײדל און נאָך אַ קלײדל... געריהרט) אָי, אַ מאַמע דאָס איז! (לײגט אַלץ צוריק אין טשעמאָדאַן, פֿאַרמאַכט אים און רוקט אים אָפּ אָן אַ זײט).

מענדל.

און דיר, אַװרעמל, שמעקט אַ פּאָנים ניט, װאָס מיר טרײַבן אָפּ די פּאָליאַקן? דו װאָלסט, אַדעראַבע, װעלן, זײ זאָלן װאָס גיכער אַרײַנקומען.

אַװרעמל.

אַז דו װײסט, װאָס פֿרעגסטו?

מענדל.

און די פּאָגראָמען, װאָס די פּאָליאַקן מאַכן אומעטום אַף ייִדן, האָבן דיר גאָר אױפֿגעהערט צו אַרן?

אַװרעמל.

(טוט אױס די ברילן)

עס, װעגן דעם האָבן מיר שױן ניט אײנמאָל גערעט. נאָר זאָגן מוז איך דאָ נאָכאַמאָל, אַז דעם פּאָגראָם װעלן מיר סאַיװױסאַי ניט אױסמײַדן,—און שפּעטער, דאָרטן, אין רוסלאַנד, װען די ראַטן-מאַכט װעט פֿאַלן, װעט ער זײַן נאָך שרעקלעכער (אָפּ רעכטס).

מענדל.

(זעצט זיך פֿאַרמאַטערט, מאַכט אַ טרײַבל, שלעפּט פֿון קעשענע מאַכאָרקע און שיט אָן),

אַז אַ מענטש געטרױט ניט זײַנע אײגענע קױכעס, איז שלעכט—װעט ער שױן שטענדיק... (פֿאַרױכערט) אַלט געבליבן.

טאַמאַרע.

און איר, מ[illegible]אַים [illegible]ײט דאָך אין אײנע יאָרן מיט מײַן פֿאָטער. און איר זײט פֿונדעסטװעגן אַזאַ יונגער, אַזאַ מוטיקער... איר האָט אַזױפֿיל לעבן אין זיך.

מענדל.

(פֿאַרציט זיך שטאַרק מיטן רױך).

יונג, זאָגסטו, טאַמאַרע? לעבן?... יאָ, עמעס, איך פֿיל טאַ-קע... אָבער, װײסט, טאַמאַרע?—דאָס האָט מיך די רעװאָלוציע צו-ריק יונג געמאַכט. (הױבט זיך אױף) און... און נאָך אַ מאָמענט איז דאָ פֿאַראַן, טאַמאַרע. (נעמט איר האַנט, לאָזט טײקעף צוריק אָפּ. גײט אום) איך בין שױן געװען גאָר אַלט געװאָרן, יאָ, טאַמאַרע, גאָר-גאָר אַלט. און שװאַך בין איך שױן געװען אַזױפֿיל, אַזױפֿיל אַריבערגעטראָגן—טורמע, סיביר, קאַטאָרגע... װיפֿל הונגערשטרײַקן, נאַגאַיקעס און... און שמיץ, טאַמאַרע, דו הערסט?—שמיץ!

טאַמאַרע.

שמיץ?!

מענדל.

שמיץ! (שפּאַנט אום, קריצט מיט די צײנער) שמיץ! אָבער... (דראָט מיטן פֿױסט אין אַ אומבאַשטימטער ריכטונג).

טאַמאַרע.

דערצײלט מיר עפּעס, מענדל, פֿון אײער לעבן. מיר װאָלט זיך װעלן טיפֿער אַרײַנדרינגען אין יענעם לעבן, אין יענער אַר-בעט און אין אַלץ, װאָס ס'איז אױסגעקומען איבערצוטראָגן אײַך און יענע אַנדערע גרױסע און שײנע, װעלכע איך קען ניט, פֿון װעל-כע איך האָב קײן אַנונג ניט, אָבער פֿון װעלכע איך װײס נאָר, אַז...

מענדל.

(שױן באַרויקט)

אַן אַנדער מאָל, טאַמאַרע, אַן אַנדער מאָל. קאָן מען דען הײַנט גריבלען זיך אין איבערלעבונגען, בפֿראַט נאָך פֿונם אָװאַר

און בּיפּראַט נאָך פון יעכידים, הײנט, ווען [illegible]
אין פולן ברען, ווען זי צונעמט דאָס גאנצ[illegible] און דרינגט
דורך אין אַלע לעבנסקעמערלעך? הערסטו [illegible]ן ניט דעם ראַש
אין דרויסן?— דאָס איז דאָך דער אָטעם פון דער רעוואָלוציע!
וועסט דען זיך אַוועקזעצן איצטער רויִק און האָרכן אַלטע מאַי-
סעס? אַן אַנדער מאָל, טאַמארע אַן אנדער מאָל, (קלאַפּט איר איבערן
אַקסל). אַלץ וועט איר וויסן, אַלץ (שליסט אָפּ זײַן צימער. לייגט אַוועק
דאָרטן זײַן פאָרטפעל, קומט צוריק). און דו, טאַמארע, בלייבסט דאָ?
(גייט צו דער גאס-טיר).

טאַמאַרע.

איך... איך ווארט... מ'דאַרף קומען...

מענדל.

(מיט אַ געצוווּנגענעם שמייכל)

לייבקע מיסטאָמע. (אָפּ. שלאָגט זיך אָן אין טיר מיט לייבקע קאַגאַן; זיי
גייען זיך פאַרביי מיט אַ קורצער באַגריסונג)

לייבקע.

(קוקט אים אַ ווײַלע נאָך. שטעלט אַוועק זײַן וועלאָסיפּעד).

אוף! נו און דו ביסט גרייט, טאַמאַרע?

טאַמאַרע.

אָי, איז דאָס אַ מענטש דער מענדל...

לייבקע.

דו אַלץ מיט מענדלען... מיילע, אַ גוטער, אַ שלעכטער—פאַ-
ראַן געניוג פון די אַלטע אַמאָליקע... אָבער...

טאַמאַרע.

און דיר געפעלן זיי ניט?

לייבקע.

ניין, ניין—געפעלן, געפעלן! האָסט עפּעס צו מיר?

טאַמאַרע.

הייסט עס, זיי געפעלן דיר ניט.

לייבקע.

ווער זאָגט[illegible]כאַים[illegible]ר, טאַמארע—אַלט איז דאָך אַלט און יונג
איז דאָך פאָרט יונג. פּערעץ—אַ גוטער שרײַבער? ווער וועט אים
הײַנט לייענען? (ציטירט)! ...„אומעטיק, שטיל, טרויעריק, פאַר-
שמאַכט, אַ ליכטל אין פענצטערל ברענט“.. הײַנט גיב עפּעס אַנ-
דערש, גיב קאַמף, יוגנט, קויעך! הערסט, וואָס אינדרויסן טוט
זיך? ברעך! צוּוואַרף! אַ שטיין אַף אַ שטיין ניט לאָז פונם אַלטן,
פאַרשימלטן...

טאַמאַרע.

יונג. אַלט—ווער ציילט די יאָרן. די רעוואלוציע האָט אַלץ אי-
בערגעקערט, אויסגעגלײַכט און פאַנאַנדערגעטיילט. קוק אַרום זיך
זע—יונגע: ווייזט דיר ניט אויס, אַז זיי האָבן נאָר וואָס אָפּגע-
גאָלט די לאַנגע ווײַסע בערד און צוגעקלעפּט זיך פרישע שוואַר-
צע וואָנצעלעך? און אַלטע זע—די גאַנצע אַלטקייט האָט פון זיי
די רעוואָלוציע אַראָפּגעווישט, קיין זייכער אַפילע ניט געבליבן. און
ווען פּערעץ וואָלט הײַנט געלעבט...

לייבקע.

ווידער פּערעץ? לאָז אָפּ. ניט איצט איז די צײַט פאַר אַלט-
וואַרג. דאָס אַלץ קאָן עפּשער זײַן דערנאָך, דערנאָך, ווען... נו, דו
ביזט גרייט? קום, טאַמאַרע, די צײַט שטייט ניט.

טאַמאַרע.

קום (נעמט דעם מאַנטל).

לייבקע.

שטיי, לאָז אַ קוק טאָן אַף זיך, ווי שײַן דיר גייט דער רע-
וואָלווער מיטן קינזשאַל! אַ העלדישע באַבע (ווײַל זי אַרומנעמען).

טאַמאַרע.

(וואַרפט אָפּ זײַן האַנט).

לאָז אָפּ. זאָג בעסער אַף גיך: וואָס הערט זיך אַפן פראָנט?

ל ײ ב ק ע.

אַפֿן פֿראָנט װערט די לאַגע ערנסטער. [illegible]סט ניט נאָך דער שיסערײ?—ס׳קומט נעענטער. (זײ האָרכן) װײסט װאָס איך קלער, טאמאַרע? װען אונדזערע װעלן אָפּטרעטן, האָבן מיר בײדע דאָ געדאַרפֿט בלײבן אַף אונטערערדישער אַרבעט: מיט דיר אינײנעם װאָלט איך װעלן איבערגעקערט (װיל זי אַרומנעמען).

ט אַ מ אַ ר ע.

(װאַרפֿט אָפּ זײן האַנט).

מיר בײדע? װאָס עפּעס מיר בײדע? דער קאָמיטעט װעט באַשטימען, װער ס׳זאָל...

ל ײ ב ק ע.

גוט—דער קאָמיטעט, אָבער מיר קאָנען דאָך פֿאָרלײגן...

ט אַ מ א ר ע.

עפּשער טאַקע... ס׳װאָלט געװען גוט, װען מענדל בלײבט מיט אונדז.

ל ײ ב ק ע.

(אומצופֿרידן)

װידער מענדל? דו קאָנסט אָן אים ניט...

ט א מ אַ ר ע.

(שמײכלט).

אָי לײבקע, נאַרישער לײבקע! (לײגט אים אַרויף די האַנט אױפֿן אַקסל)

ל ײ ב ק ע.

טאַמאַרע! (כאַפּט זי אַרום)

ט א מ אַ ר ע.

(דרײט זיך אַװעק פֿון אים).

לאָז אָפּ. (נעמט אַף זיך דעם מאַנטל, נעמט דעם װעלאָסיפּעד, לײבקע נעמט אויך זײן װעלאָסיפּעד, זײ גײען צום אַרױסגאַנג. אַװרעמל הינטער אים. מאָשע־כאַים קומען פֿון רעכטס אין געשפּרעך).

מ אָ ש ע - כ אַ י ם.

אָדער איר הערט צי ניין, אַװראָהאָמקע?...

אַ װ ר ע מ ל.

זיצט, מאָשע־כאַים (קריכט אױפֿן טיש. טוט אָן דיברילן).

ט א מ אַ ר ע.

אַ גוטער מאָרגן אײַך! װאָס מאַכט איר עפּעס, ר׳ מאָשע־כאַים?

מ אָ ש ע - כ א י ם.

אַ גוטער מאָרגן, אַ גוטער יאָר. זע, גאָר ניט דערקענט. אַזאַ יאָר אַף מיר!

ט א מ א ר ע.

נו לײבקע, אַז ר׳ מאָשע־כאַים איז געקומען, מוזן מיר נאָך אַ רעגעלע פֿאַרבלײבן. מירן אָניאָגן. אַגעװ האָבן מיר נאָך עטלעכע מינוט צײט (קוקט אױפֿן זײגער).

ל ײ ב ק ע.

אָבער טאקע נאָר אײן רעגעלע.

ט אַ מ אַ ר ע.

אײן רעגעלע, אײן רעגעלע. (שטיל) אַז דו װײסט ניט, װאָס דאָס איז פֿאַר אַ יידל דער מאָשע־כאַים!

מ אָ ש ע - כ אַ י ם.

איז זײט איר דאָס, הײסט עס, צוליב מיר פֿאַרבליבן? אָך, זײער אָנגעלײגט, צוליב מיר טאַקע, צוליבן אַלטן? כע־כע־כע!

ל ײ ב ק ע.

רעב פֿעטער, זי האָט ליב אַלטע, זי איז אַפּאָנים אַלײן אויך אַן אַלטע.

ט אַ מ אַ ר ע.

עמעס, עמעס, ר׳ מאָשע־כאַים, איך האָב ליב אַלטע.

מ אָ ש ע־כ אַ י ם.

אַ געשיכטע!? און איך—ז׳אַװוקע יונגע. אָדער איר הערט צי ביין?—די אַלטע שמועסן דאָך מעקױעך פּאָליטיקע.

טאמאַרע.

און די יונגע, ר' מאָשע-כאַים, מאַכן די פּאָליִטיקע.

מאשע־כאַים.

אי, איז דאָס אַ בראַנד אַ מיידל! נו, אַז איר ווילט מיט אונדז פֿאַרברענגען אין פּאָליטיקע—אָך. איז ווו האַלטן מיר? יע, איר הערט צי ניין, אַווראָהאָמקע?—איך זאָג: איך בין דאָך אַ שניידער און אַ הינקעדיקער, אָדער פֿאָרט ניט קיין הינקעדיקער שניידער. ווי איר קוקט מיך אָן, בין איך מיט אָט דעם הינקעדיקן... איר מאָגט דאָס אויך הערן, פֿריילן.

טאמארע.

איך הער, איך הער, ר' מאָשע-כאַים.

מאָשע־כאַים.

און איר אויך, יונגערמאַן.

לייבקע.

איך הער—מיט אָט דעם הינקעדיקן...

מאָשע־כאַים.

...בין איך מיט אָט דעם הינקעדיקן פֿוס אויסנגעווען, ווו די וועלט האָט אַן עק. אין לאָנדאָן געווען—אָדער איר הערט צי ניין, אַווראָהאָמקע?—אין לאָנדאָן און שיר ניט קיין אַמעריקע פֿאַרפֿאָרן. וואָס איך האָב זיך אָנגעזען, דאָס לאָזט זיך גאָרניט באַשרייבן. און אַז איך גיב זיך היינט אַ כאַפּ מיט מיין פּאָשעטן שניידערשן סייכל און איך גיב אַ קוק, וואָס דאָ קומט פֿאָר—עפּעס אַזאַ ריוואַלוציע, עפּעס אַזא גוואלדאָוונע איבערקערעניש, עפּעס אַזאַ, עפּעס אַזא... איר הערט צי ניין?—מוז איך אייך זאָגן, אַז, אַז... אָדער איר הערט צי ניין, אַווראָהאָמקע, וואָס איך זאָג אייך? — מוז איך אייך זאָגן, אַז איך פֿארשטיי ניט, איך פֿאַר-שטיי פּאָשעט ניט, וואָס דאָ קומט פֿאָר. ווארעם אַז איך גיב אַ קוק—א וועלט, אַ גאנצע וועלט—מיט די פּיס קאַפּויער! ווי איר עט מיך א יידן — מיט די פּיס קאפּויער. א גאנצע וועלט — מיט אזא לאָנדן, מיט אדעס, מיט.. מיט... מיט...

טאמאַרע.

מיט א קאָ[illegible]אנאָוו! אָדער איר הערט צי ניין, ר' מאָשע-כאימקע?—מיט א קאָידאנאָוו!

מאָשע־כאַים.

כע-כע-כע, מיט א קאָידאנאָוו... אי, איז דאָס א מיידל! או-און ווער? אלך דיזעלביקע יאטן, וואָס מ'האָט גאָר ניט... וואָס מ'האָט אפֿילע אמאָל פֿון זיי יאָ געהאַלטן, אָדער... סטייטש, א גאנצע וועלט! דאָס איז דאָך... דאָס איז דאָך... מיין מויעך באנעמט דאָט ניט.

אַוורעמל.

יאָ, מאָשע-כאַים, א גאנצע וועלט... (קריכט פֿון טיש, גייט צום פֿענצטער). א גאנצע וועלט.

מאָשע־כאַים.

אז איך זאָג אייך דאָך—אַ גאַנצע וועלט איבערגעקערט מיט די פּיס קאַפּויער. האָב איך זיך דאָ אנוסטן צוגעקוקט, איר הערט צי ניין? — אָן אַ בויך בין איך געבליבן לאַכנדיק (לאַכט). שטייט אַ טראמפּאטעליע געוועזענע באַלעבאַטים, נאָך מיט די עמעסע גראָבע בייכער, שטייען זיי מיט די בעזימער אין די פּעטינקע הענטעלעך און קערן די גאַס, אזש אַ רויך גייט! אונדזער גע-וועזענער באַלעבאָס, רעב גדאַליע, אויך אינמיטן. איז זאָג איך אייך, אַווראָהאָמקע, אז אפּילע איך זאָל מאָרגן, סאנע ציען, איך וויים וואָס, איז דאָס צוצוקוקן פֿאַר מיר ווערט געווען קאָל הוין דעאַלמע. ווי איר זעט מיך אַ יידן, אווראָהאָמקע — קאָל הוין דעאלמע.

טאַמאַרע.

אוי, אָן אַ בויך קאָן מען בלייבן! האַ? אָבער שיין געווען, ר' מאָשע-כאַים? שיין געה'ען?

מאָשע־כאַים.

שאַיך שיין — דאָס לעצטע העמד אוועקצוגעבן. אף בילעטן האָט מען געמאָגט גיין.

אַוורעמל

עט, מאָשע כאַים, איר... איך גלויב אייך, אַ[illegible]ייך האט דאָס טאַקע האַנאָע געטאָן. דאָס איז אָבער... (גיט אַ שטאַרקן ציטער פון אַ באַזונדערס שטארקן קלאַפּ פון אַ הארמאט).

מאָשע־כאַים.

עפעס האט איר, אַפּאָנים, שטארק מוירע פאַר די קלעפּ?

אַוורעמל.

(שטארקט זיך, גייט פעסט צום טיש).

איך זאָג: איר האט האַנאָע געהאַט צו קוקן... דאָסדאָזיקע פאַרגעניגן וועט אונדז אָבער אלעמען ארויס באָקאָם. וואָרעם... עט (גייט).

מאָשע־כאַים.

באָקאָם — זאָגט איר? מיילע, אז איר זאָגט, מיסטאמע ווייסט איר, וואָס איר רעט. אָדער וואָס איז דער פשאַט — באָקאָם? — שטאַרבן? — ווער שטאַרבט עס ניט היינטיקע יאָרן? ווער איז דאָס היינטיקע יאָרן זיכער מיטן לעבן? און אז די פוילישע וועלן ארייַנקומען, זיינען מיר זיכער?

טאַמאַרע.

בראַווואָ, בראַווואָ, ר׳ מאָשע-כאַים.

לייבקע

ס׳איז מילכאָמע, ר׳ פעטער. זיכערער איז דער, וואָס האַלט די ביקס. (שטיל צו טאמארען) נו, קום שוין, טאמארע, גענוג זיך שוין אָנגעהערט.

טאַמאַרע.

(אויך אזוי).

איין ווייליקנקע נאָך. מירן אָניאָגן, מירן אַ דריי טאָן די רע-דער, אזש אַ רויך וועט גיין.

מאָשע־כאַים.

נאַט אייך אַ שמעק טאבאק פאַר אונדזער גאַנצן לעבן, ווען די פוילישע וועלן ארייַנקומען אין שטאָט, אַ שמעק טאבאק, ווי

איר [illegible]ידן, איר הערט צי ניין? — אַ שמעק טאבאק. אָדער שיין איז דאָס דאָך. אזוי ווי איר קוקט אין עפעס אַ מוי-רעדיקער זאַווערוכע — הימל און ערד מישט זיך, אלץ דרייט זיך, און עס פאַרכאַפּט אייך דעם אָטעם. און זאָגט, וואס איר ווילט — מיר איז פאָרט אַ ווונדער — אָדער איר הערט צי ניין? ס׳זאָל אייך ניט פאַרדריסן — מיר איז פאָרט אַ ווונדער, וואָס איר זייט ניט אין דער קאמפּאניע. איך געדענק דאָך, ווי איר האט זיך אמאָל מויסער נעפעש געווען: טורמע, סיביר און אַלע קלאָגן אויסגעליטן.

אַוורעמל.

און אייך זאָל אויך ניט פאַרדריסן, מאָשע כאַים: ניט איך — איר האט געדאַרפט זיין אין דער קאמפּאניע, ווייל אַהינצו קאָן מען ניט גיין, ווען מע פאַרשטייט עפעס.

מאָשע כאַים.

האָב איך אַף אייך קיין פאַריבל ניט. וואָס עמעס איז עמעס, איך פאַרשטיי טאַקע גאָרנישט ניט. אָדער הערט זשע אויס און האט אויך קיין פאַריבל ניט: אף צען טישטשע קאַפּאָרעס — איר הערט צי ניין? — אף צען טישטשע קאַפּאָרעס דאַרף איך דעם „פאַרשטיין״ (שמייכלט), אז די באָלשעוויקעס אליין פאַרשטייען דאָך אויכעט גאָרנישט ניט. פאַראן איינער, וואָס פאַרשטייט, זאָגט מען — לענין. טראָצקי, זאָגט מען, פאַרשטייט אויך אביסל. נאָר באַ מיר איז רעכט, אז טראָצקי זאָל אויכעט גאָרנישט ניט פאַר-שטיין, אַבי ער, לענין, פאַרשטייט. און דאָס איז פאַר מיר גענוג.

טאַמאַרע.

(גיט אים אַ פאַטש אין פלייצע).

אָט אזוי, רעב מאָשע כאַים — אַבי ער פאַרשטייט! כאַ-כאַ-כאַ! (מאָשע כאים כאפּט איר האנט, זי רייסט זיך ארויס, אַנטלויפט לאַכנדיק). קום, לייבקע (אָפּ מיט לייבקען).

מאָשע־כאַים.

(קוקט איר נאָך).

קיינענאָרע, אַ פאַרגעניגן צו קוקן. ווען איך בין מיט אַ יאָר צוואַנציק יינגער און פאַרמאָג ניט קיין סאַך — אַ מיליאָן... (נעמט ארויס א בלעכן פושקעלע פון שוואַקס, עפנט ניט געאיילט, נעמט ארויס פון דעם אַ פאפירל מיט א ביסל מאכאָרקע, דרייט זיך אַ פאפיראָס). איז זאָג איך דאָס, הייסט עס, אַבי ע ר פאַרשטייט. און אונדזער „פאַר-שטיין", מיינער און, איר זאָלט קיין פאַריבל ניט האָבן, אייערער אפילע — קיין צובראָכענע פרוטע ניט ווערט (רוקט צו אוורעמלען די פושקע). פאַרזוכט מיינע מאַכאָרקע — דאָס איז די עמעסע, עס גיט אזא באַק דאָס האַרץ — אַ מעכאַיע.

אַוורעמל.

(קרעכצט, דרייט א פאפיראָס).

האַלוואַי וואָלט איך קאָנען אזוי טראַכטן.

מאָשע־כאַים.

(פאַרויכערט).

נו, אז מיר האָבן שוין אָפגעשמועסט וועגן פאָליטיקע, קאָנען מיר שוין ריידן וועגן אנדערע זאַכן. איר ווייסט, וואָס איך בין געקומען? מע זאָגט, איר הערט צי ניין? — אז בא די פוילישע שפיאָנעס איז פאראן אַ רעשימע פון אלע סאָוועטישע אָנגעשטעלטע, פון אלע פאַרדעכטיקע הייזער. די פאָליאַקן וועלן זיך שוין מיסטאמע מיט אלע דידאָזיקע אָפרעכענען אף זייער אויפן.

אַוורעמל.

יאָ, יאָ, אף דעם קאָן מען זיך ריכטן.

מאָשע־כאַים.

איז האַלט איך, אז פאַר אייך וואָלט געווען זייער גלייך כאָטש אף אַ ביסל צייט זיך איבערצוקלייבן צו מיר, ווען די פוילישע וועלן פארנעמען די שטאָט. מיילע פון אַ פאָגראָם זיינען מיר קיינער ניט באַוואָרנט, אָבער אזוי, ספעציעל...

אַוורעמל.

אריב[illegible] זיך? צו אייך?

מאָשע־כאַים.

פארוואָס ניט צו מיר? מיר זיינען דאָך פאָרט אף איין טיש געזעסן אזוי פיל יאָרן. איר וועט אונדז אָסער ניט שטערן, ווי איר זעט מיך אַ יידן.

אַוורעמל.

(קריכט פון טיש, גערירט).

איז צוליב דעם האט איר זיך דאָס געשלעפט אזש פון יענעם עק שטאָט.

מאָשע־כאַים.

און איר־האָט אוואדע געמיינט, אז איך וויל זיך בא אייך נייען אַ קאָסטיום, כע-כע! איז ס'ערשטע האב איך נאָך די סכוירע ניט, און אז איך וועל האבן, וועל איך שוין ווי עס איז אליין...

אַוורעמל.

(דריקט אים די האנט).

אַן אלטער גוטער ברודער... איך וועל דאָס האבן אין זינען, מאָשע כאַים, איך וועל דאָס האָבן אין זינען, און אויב איך וועל באַשליסן...

מאָשע־כאַים.

וואָס באַשליסן! מע נעמט און מען פעקלט זיך אריבער, ווי נאָר עס ווערט אַ ביסל... אַ גרויסער יישעוו האַדאַעס!

אַוורעמל.

איר פאַרשטייט? — איך דאַרף דאָס באַטראַכטן אַביסל. מיר גייט דאָס אין... אין...

מאָשע־כאַים.

אַוואַדע אין פרינציפ? אָ כאָ-כאָ-כאָ! אוי, אָן אַ בויך קאָן מען בלייבן פון זי:, ווי איר זעט מיך אַ יידן. אביסל אַ פאָלק

די אינטעליגענטן! נו, מיילע, באַטראַכט זיך, ...
וועלן, איז... האט מיר אַ גוטן טאָמיד. איך אי... (...אָפּ).

אַוורעמל.

(גייט אום פאַרטראַכט).

דאָט ערגסטע איז, וואָס אזוינע פּאָשעטע, ערלעכע נעשאָמעס ווערן פאַרפּירט אין בלאָטע... אז עס געפעלט אים סטאַם, וואס יענע קערן די גאַס...

פּעסקין.

(קומט פון גאַס, קוקט זיך אום).

ניטאָ קיינער? נו, וואָס הערט זיך, פּאַניע ווילק?

אַוורעמל.

(גייט אום אופגערעגט. ענטפערט ניט).

פּעסקין.

(באקוקט דעם קאָסטיום).

אזוי לאנג דער קאָסטיום געלעגן באהאלטן... נו, דאַנקען גאָט. פּאָטער ווערן פון זיי מיט זייערע מעשוגענע אָנטועכצן... פונדעסטוועגן וועט מען דאָס דאַרפן איינפּאַקן און באהאלטן: טאָמער וואס — טוט ער ווידער אָן דעם פרענטש מיט דער פּאַפּאַכע און איז ווידער אַ באָלשעוויק. וואס זאָל איך אייך זאָגן, פּאַניע ווילק — פאר אייך מעג איך דאָך ריידן — דער יאַט האט מיך פּאָשעט אופגעהאַלטן באם לעבן: פון וויפל רעקוויזיציעס האָט ער מיך פאַרהיט, און וויפל פעק סכוירע האב איך דורך אים באַקומען. איך אליין? — די גאַנצע מישפּאָכע האט ער אונטערגעהאַלטן. און אליין, כע-כע, איז ער אויך נים געשלאָפן אין די זאַכן: ער וועט שוין האבן מיט וואָס צו ענדיקן שטודירן און עס וועט נאָך בלייבן אף... וואס ציטערט איר אַזוי?

אַוורעמל.

(שטעלט זיך אָפּ).

נו יאָ, אַזוי איז דאָך דאָס: אלע גאַנוועגען — דער אזוי, דער אזוי.

פּעסקין.

גאַנו...: זאָגט איר? וואָס איז דער פּשאַט גאַנוועגען? באַ זיי גאַנוועגען? דאָס האבן זיי דאָך באַ אונדז אָנגעראַבעוועט. דאָס איז דאָך אונדזער בלוט.

אַוורעמל.

אַוואַדע, אייער בלוט. מיינע איז דאָס גאָרנישט.

פּעסקין.

אייערע? בא אייך האָבן זיי דאָך גאָרנישט ניט גענומען. אייער שער, אייער אייזן, האבן זיי דאָך ניט...

אַוורעמל.

(שלאָגט איבער).

מיילע, אַן עק. געגוג צו פילאָזאָפירן. מיר קענען זיך שוין גוט איינער דעם צווייטן. איז וואָס איצטער? דעם פּאַסירצעטל? דעם פּאַראָל? גוט.

פּעסקין.

נו יאָ, נו יאָ, זיי וואַרטן דאָך דאָרטן... אז מאָרגן קאָן דאָך שוין זיין אַ סאָף צו אלע צאָרעס.

אַוורעמל.

(טאַפּט זיך דעם שטערן, רעט ווי צו זיך אליין).

מאָרגן... צי וואָלטן די בונדאָווצעס דאָס געטאָן? זיכער — ניט. ניט זיי, ניט די איבעריקע... אז דאָס זיינען דאָך צוקוואַטשקעטע באַשעפעניש, נאָכשלעפּער זיינען דאָס דאָך.

פּעסקין.

אָט-אָט-אָט — נאָכשלעפּער טאַקע...

אַוורעמל.

(אַכט ניט אף אים).

...און ווייסן, און פאַרשטייען, אז יענע קאָנען זיך ניט האַלטן, אַז יענע טאָרן זיך ניט האַלטן, אז בעסער די צאַרישע זעלבסטהערשונג איידער דער כורבן פון דער פּראָדוקציע און

פונם אַרבעטער-קלאַס, איידער דער באַנקראָט [illegible]
ליסטישער אידייע — און... עט! צוקוואַטשקעטע [illegible]

פעסקין.

העטעטעטע, ווען זיי וואָלטן זיך קאָנען האַלטן!...

אַוורעמל.

(קוקט זיך אום אף אים).

וואלט איר געוואָרן אַ באָלשעוויק? מיילע, ניט באַשערט זיי דער גליק. וואַרט אוף אַ רעגע (אָפ רעקטס)

פעסקין.

העטעטעטע, ווען זיי קאָנען זיך האלטן! איך וואָלט טאַקע געוואָרן אַ באָלשעוויק. איך וואָלט עפשער געווען בא זיי אַ גלאַוו-נער קאמיסאַר. פעסקינס קאפ איז ניט אויסגעדאַרט. „געניאַלער מויעך"—כע-כע-כע. און די מאַמטאקים דערווײלע נעם איך, און טאָמער וואָס — וועט ער ליגן אין ווערים. אַ האָזע אביסל פון אַ שניידערוק: „זאָגט גיכער און גייט"! אַ ייִנגעלע בין איך אים! נו, דאַרף מען ניט מאכן אַ פאָגראָם און זיי אַלעמען ביז איינעם אויסשניידן?

אַוורעמל.

(קומט צוריק).

גייט רופט זיי. די ווייב האָב איך אַוועקגעשיקט, און די טאָכ-טער מיטן קוואַרטיראַנט וועלן אַזוי גיך ניט קומען.

(פעסקין אָפ דורך דער גאס-טיר. אוורעמל פאַרשפאַרט הינטער אים די טיר נעמט אַרויס פון קעשענע א שליסל, שליסט אָפ מענדלס צימער, גייט אהין אריין, קומט באלד צוריק מיט מענדלס פאָרטפעל, עפנט אים, זוכט אין אים, ער אי שטארק אופגערעגט, זיינע הענט ציטערן. ער נעמט אַרויס פון פאָרטפעל צוו קליינע פאַפירלעך, לייגט זיי פאָרזיכטיק אַוועק אונטערן געניי, טראָגט אָפ דעם פאָרטפעל, פאַרשליסט צוריק מענדלס צימער. ס׳הויפט אָן טונקל ווערן).

אַוורעמל.

און מאָרגן... מאָרגן וועט די שטאָט פאַרגאָסן ווערן מיט ייִדישע בלוט... פינפונצוואַנציק פראָצענט... פינפונצוואַנציק...

אָבער [illegible] קע פינפונזיבעציק וועלן דאָך זיין געראַטעוועט פון זיכערן טויט... געראַטעוועט פון זיכערן טויט! ניין, עס מוז אזוי זיין. שניידט מען דאָך אָפ אַ האַנט, אַ פוס, קעדיי דעם גאַנצן נעפעש צו ראַטעווען.

(עס הערט זיך אַ לייכטער קלאפ אין טיר. אַוורעמל עפנט. וואנסיאצקי, באסאוויטש און סאפראנסקי קומען אריין, קוקן מיסטרוייִש אף אַלע זייטן. הינטער זיי גייט פעסקין. באגריסונג).

וואנסיאצקי.

דאָ איז זיכער, האָף איך. ווי מיינט דער פאַן אבראם?

אַוורעמל.

דערווייל איז זיכער. און אויב מירן דאָס מאכן בעקיצער, וועט אַלץ דורכגיין קעשורע. איך בעט זעצן זיך.

וואנסיאצקי.

(זעצט זיך),

איז הייסט עס, דערוויילע זיכער? זעצט זיך, פאַנאָוויע. (פרעזענטירט זיין פאָרטסיגאַר. אלע פאַרויכערן, זעצן זיך, כוץ אַוורעמלען). נו גוט, וועלן מיר דאָס מאכן בעקיצער. מיר פאָליאקן האבן אַפילע פאַרן שוואַרציאָר אליין אויך קיין מוירע ניט. (שטעלט זיך. אלע הויבן זיך אוף). מיר גייען אַפן זיכערן טויט און קוקן זיך צומאָל ניט אום. עמעס, פאַנאָוויע?

באסאוויטש און סאפראנסקי.

עמעס, עמעס פאַניע. און קוקן זיך צומאָל ניט אום (קוקן זיך ארויסגאַנג).

וואַנסיאצקי.

און דער פאַן אַבראַם, ווי מיר זעען, שטייט אויך ניט אָפ פון אונדז, פון אונדזער העלדישקייט.

באַס. און סאפר.

פון אונדזער העלדישקייט. אַזוי, פאַניע.

וואַנס.

ער דערמאָנט אונדז אָן אונדזער נאַציאָנאַלן הע[illegible] פֿון מוישעס גלויבן בערעק יאָסעלאָוויטשן, ווענען דאָס פּוילישע פֿאָלק וועט קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן.

באַס. און סאַפּר.

קיינמאָל ניט, יאַק באָגאַ קאָכאַם, קיינמאָל ניט.

וואַנס.

אונדזער העלדישע פּויליִשע אַרמיי זינגט אַפֿילו לידער פֿון זיין קאָוועד וועגן.

באַס. און סאַפּר.

(זינגען).

וו טים פשיפּאדקו הונדסוואצקיעם
זגינאַל בערקאַ פּאָד קאצקיעם.

וואַנסיאַצקי.

איר זעט, פּאַן אַבראַם—דאָס פּויליִשע פֿאָלק ווייס ווי צו שעצן אירע העלדן. כאָטש אַ ייד בערקאַ—אַבי ער קעמפֿט פֿאַר פּוילן, פֿאַר אונדזער הייליקן קאַטאָלישן גלויבן...

באַס און סאַפּר.

פֿאַר פּוילן, פֿאַר אונדזער הייליקן קאַטאָלישן גלויבן! (קלאַפּן מיט געווער).

וואַנסיאַצקי.

...איז ער אונדזערער. אונדזערע קיניגן האָבן אַלעמאָל ליב געהאַט יידן אַהאַוואַס נעפֿעש. באַשיצט זיי פֿונם פּאַ... פֿון די מאסקאַלעס, הינטיש בלוט!

באַס. און סאַפּר.

מאסקאַלעס, הינטיש בלוט!

סאַפּראַנסקי.

אונ[illegible]גיזמונד דער צווייטער האָט אַפֿילו קיין יאַרידן ניט געלאָזט מאַכן אום שאַבעס, קעדיי אייערע יידעלעך זאָלן קאָנען האַנדלען.

פּעסקין.

איר הערט, איר הערט, פּאַניע ווילק?—ניט אזוי ווי די באָלשעוויקעס, יימאַך שמאָם וועזיכראָם. זיי ווילן דאָך דאַווקע, מ׳זאָל מעכאַלעל שאַבעס זיין. אַ בראַנד אין זייערע טרייפֿענע ביינער זאָל אַריין!

וואַנסיאַצקי.

בראַוואָ, מאָטקאַ, פּשעפּראַשאַם, מאַרק אַראָנאָוויטש.

באַס און סאַפּר.

בראַוואָ, מאַרק אַראָנאָוויטש!

וואַנסיאַצקי.

און אונדזער סיגיזמונד דער אַלטער האָט אַפֿילו די יידן באַזונדערע פּריווילעגיעס געגעבן, אַ מעלוכע אין דער מעלוכע זיי געשאַפֿן. אָט ווי ליב מיר האָבן יידן.

באַס. און סאַפּר.

קאָכאַם! קאָכאַם! (לויפֿן זיך קושן מיט אַווראַמלען).

אַווראַמל.

(מיידט זיי אויס).

איך ווייס, איך ווייס: מיר איז באַקאַנט די געשיכטע פֿון...

וואַנסיאַצקי.

(שלאָגט איבער).

נאָר איצט האָבן זיך די יידן שטאַרק פֿאַרשולדיקט אין באָלשעוויזם. שוין צופֿיל, שוין צופֿיל! אַלע יידן—באָלשעוויקעס!

באַס. און סאַפּר.

(קימאַט וואָיענדריק פֿון סינע).

יידן—באָלשעוויקעס! יידן—באָלשעוויקעס!

װאנסיאצקי.

זיי װעט אויסקומען צו ליידן פֿאַר דעם א...

יאָ, יאָ.

באס. און סאפר.

יאָ, יאָ.

װאנסיאצקי.

(נעמט ארויס פון א באהאַלטענער קעשענע א פּאַפּיר).

אָט האָב איך אַ רעשימע פֿון אַלע קאָמוניסטן אין שטאָט-קימאַט דער גרעסטער טייל—יידן, דיין זון אויך אין צעטל, מאָט... פּשעפּראַשאַם, מאַרק אראָנאָוויטש. (װייזט אים).

פּעסקין.

(דערשראָקן).

מיין זון? (קוקט אין צעטל). מיין זון! אוי פּאַניע, װען דער פּאַן זאָל װיסן, װי געטריי מיין זון דינט די באָלשעװיקעס, װאָלט דער פּאַן אים נאָך צען מעדאַלן געגעבן.

װאנסיאצקי.

(קלאַפּט אים איבערן אקסל).

יאָ, יאָ, איך פֿאַרשטיי. אַז מ׳האָט אַזאַ טאַטן. און װער איז די טאַמאַרע װילק? דער אַדרעס װייזט אַף אהער. צי ניט אייער טאָכטער, פּאַן אבראַם. מיסטאָמע אויך װערט אַ צענדליק מע-דאַלן, כע-כע!

אװרעמל.

(שאַרף).

מיין טאָכטער איז ניט פֿון דעם... (האַלט זיך אָפּ. הינטער זיין רוקן װינקט מען זיך איבער).

װאנסיאצקי.

(מאַכט זיך ניט הערנדיק)

אַ צענדליק מעדאַלן, כע-כע, ביכלאַל, אַף װעמען דער פּאַן אבראַם װעט אָנװייזן, װעט מען ניט טשעפּען. פֿון די ערשטע אין צעטל שטייט זי, כע-כע! זי און (לייענט) מענדל כאָנעס. דער אַדרעס דערזעלבער. אַ קװאַטיראַנט אייערער?

אװרעמל.

פּאַנאָװיע, מיר ריידן דאָ צופֿיל. די צייט שטייט ניט. מ׳קאָן אָנקומען. זאָגט בעסער: װי האַלט דער פֿראָנט?

װאַנסיאצקי.

דער פֿראָנט? אָ, גלענצנד! מיר שניידן װי אין קרויט! מיר טאָפּטשען זיי מיט די פֿיס! זיי צולויפֿן זיך, װי די מייז, װען זיי דערזעען בלויז פֿון דער װייטן אַ קאַנפֿעדעראַטקע. װי די האָזן, לויפֿן זיי, כאַ-כאַ-כאַ! װי די האָזן. אטו! אַטו! כאַ-כאַ-כאַ!

באַס. און סאַפּר.

אַטו! אטו! כאַ-כאַ-כאַ!

װאנסיאצקי.

באָלשעװיקלעך! איטלעכער פּאָזנאַנעץ, איטלעכער האַלערטשיק קאָן צוקװעטשן מיט איין פֿינגער צו פֿינף אָט די אויסגעהונגערטע לייז. נאָר... נאָר...

אװרעמל.

הא?—נאָר...

װאנסיאצקי.

יאָ, פּאַן אבראַם, דאָס, װאָס מיר האָבן אָפּגערעדט, מוזן מיר דורכפֿירן. מיר מוזן דאָך אויך מיט עפּעס באַװייזן, אז מיר זיינען עמעסע פּוילישע שליאַכ... פּוילישע בירגער—מיין איך.

באַס. און סאַפּר.

עמעסע פּוילישע בירגער! יאָ, יאָ.

אװרעמל.

און אופּרייס-מאַטעריאַל האָט איר שוין?

װאנסיאצקי.

פֿאַר גוט געלט קריגט מען אַלץ. מענטשן זיינען פֿאַראַן, און אופּרייס-מאַטעריאַל איז אויך דאָ. מען דאַרף נאָר אַדורכפֿירן. זיי באַװאַכן שטאַרק, די הינט.

אַוורעמל.

אַלזאָ—אַ פאסיר-צעטל און דעם פאַראָל? (דערלאנגט די צוויי פּא-פירלעך פון אונטערן גענייי). איינס באהאַלט און דאָס צווייטע פאַר-שיפּרירט און גיט מיר צוריק.

וואנסיאָצקי.

(באַטראַכט זיי).

די אונטערשריפטן זיינען ריכטיקע (פאַרשיפרירט). פאַן אבראַם, איך האלט פאַר מיין אָנגענעמען כויוו צו דאַנקען אייך אין נאָמען פון פוילישן פאָלק פאר אייער...

אַוורעמל.

(שלאָגט איבער).

פאַנאָוויע, מיר דוכט, איך הער גייענדיק. שנעלער, שנעלער! (ער עפנט די טיר, אלע גיבן זיך א לאָז, שלאָגן זיך אין טיר צונויף. ענדלעך אַלע אָפּ. אַוורעמל פאַרשליסט הינטער זיי די טיר, פאַרטראַכט זיך אַ רעגע. פלוצלינג הויבט ער אָן אומשפאַנען, כאַפּט זיך פאַרן קאָפּ און לאָזט ארויס קלאַג-גען, ווי פון א שטאַרקן פיזישן ווייטיק. באלד בארויקט ער זיך. דערמאָנט זיך עפּעס. גיט האַסטיק א כאַפּ דאָס איבערגעבליבענע פאַפירל, לויפט מיט דעם אין מענדלס צימער, קומט אין א רעגע אַרום צוריק, פאַרשליסט מענדלס טיר. אין דעם מאָמענט קומט טאַמארע פון רעכטס. אוורעמל גיט אַ שטאַרקן ציטער).

טאמאַרע.

אָדער איר הערט ציַ ניין, אַווראָהאָמקע?—מ׳זאָגט, אַז טראָצקי פאַרשטייט אויך אביסל, ווי איר זעט מיך אַ... (פארוווּנדערט) מענדל האָט געלאָזן דעם שליסל פון זיין צימער?

אוורעמל.

אַפּאָניִם, פאַרלאָרן. איך האב אים געפונען דרויסן לעבן טיר.

טאמארע.

האָסט ניט געדאַרפט גיין אַהין, טאטע. מאַלע וואָס ער האָט פארלארן דעם שליסל, אָבער ווען וויל ער דאָך ניט, מ׳זאָל גיין אַהין, בייס ער איז ניטאָ.

אַוורעמל.

איז וואָס? — האב איך אָפגעגעבן? כ׳האָב געוואָלט כאפן באַ אים א צייטונג.

טאמאַרע.

אַ צייטונג? נאַ, אָט האב איך געבראַכט עטלעכע צייטונגען (זוכט אין פעקל צייטונגען). וועלכע ווילסטו?

אַוורעמל.

אַ צענטראַלע גיב. (ווי לאנג זי זוכט, ציט ער דאָרט ארוים דעם שליסל פון טיר, באהאלט אים).

טאַמאַרע.

אָדער דו הערסט צי ניין, אַווראָהאמקע?—קיין נאַכעס ווטסטו ניט האָבן: די באָלשעוויקעס קלערן נאָך אַפילע ניט צו פאַלן.

אַוורעמל.

וואָס זיי שרייבן! גייסט באלד שלאָפן?

טאמאַרע.

איך וועל נאָך לייענען אַביסל. (זעצט זיך לעזן).

(אוורעמל אָפּ מיט דער צייטונג רעכטס. קורצע פויזע. ס׳הערט זיך אַ קלאפ אין גאַס-טיר. טאַמאַרע עפנט. מענדל קומט).

טאמאַרע.

נו, וואָס איז באשלאָסן? מיר בלייבן דאָ?

מענדל.

נאָך גאָרניט באשלאָסן. מ׳ווייס נאָך קלאל ניט—די לאַגע אַפן פראָנט איז, לויט די לעצטע יעדיעס, גאָר ניט קיין שלעכטע. נאָר אויב...

טאַמאַרע.

גאָר אויב מ׳וועט זיך דאַרפן עוואַקויִרן?—

מענדל.

איז גאַנץ מעגלעך (וויל גיין, קערט זיך אום, גייט צו נאָענט צו טאַ-מאַרען, באַריִרט איר אקסל) און וואָס... ע... איך מיין—ווי אזוי איז

דיִר איינגעפֿאַלן דער געדאַנק, אז מיר זאָלן בלייבן [illegible] אַף אונ-טערערדיִשער אַרבעט?

טאַמארע.

דאָס האט לייבקע אופֿגעגעבן דעם פלאַן.

מענדל.

(רוקט זיִך אָפּ פֿון איִר).

אַך, לייבקע! לייבקע קאַגאַן? ער בלייבט דאָך אויך דאָ... נו, יאָ, אַזוי דאַרף זיין. (גייט צו זיין צימער, נעמט ארויס דעם שליִסל פֿון קעשענע, וויִל עפֿענען. זיין האַנט ציִטערט).

טאַמארע.

(דערשראָקן, מיט וואַקסנדיִקער אופֿרעגונג).

דער שליִסל?! איר... האט איִם געהאַט איִן קעשענע! איִר האָט איִם ניִט פֿאַרלאָרן? דעם שליסל? (לויפט צו, כאפט אַרויס פֿון מענדלס האַנט דעם שליסל, באקוקט איִם, וואַרפֿט איִם אוועק, אַנטלויפֿט איִן ווייטסטן וויִנקל ציטערט). דער שליסל...

מענדל.

(דערשראָקן, גייט איִר נאָך).

טאַמארע, וואָס איִז דיִר? טאמאַרע! באַרויִק זיִך. (קלוימעשט שפאסנדיק). וואָס פֿאַלט דיִר איין? דעם שליסל וועל איך פֿאַרליִרן! געוווּג, אַז איִך פֿאַרליִר צייטנווייז דעם קאָפּ. נאָר ניין, זיי רויִק: דער אלטער מענדקע פֿאַרליִרט נאָך ניִט דעם קאָפּ און דעם שליִסל אויך ניִט.

טאַמאַרע.

(איִם אלץ אויסווייכנדיק, קוקט וויִלד, מיט אומגעוויינטלעכן פּאַכעד איִן אלע זייטן; ס'פֿאַרפֿעלט איר אָטעם).

דעם... דעם שליִטל... דער טאַטע... ניין, ניין—ס'איִז... ס'איִז גאָרניִשט. דרויסן האָט ער איִם דאָך אופֿגעהויבן. ס'איִז גאָרניִשט, גאָרנישט, גאָרניִשט. ס'איִז... (בלייבט שטיין).

מענדל.

(זעצט זיִ אנידער אַף א שטול).

דו ארבעטסט אַסאך, טאַמארע, און דיִ אופֿרעגונג איִז זייער גרויס. רוּ זיך אָפּ אַ ווײַלע, לייען אַ צייטונג. איִך ברענג דיִר באַלד עפּעס צו דיִ נערוון. (פֿאר זיך מיט ביִטערקייט) לייבקען געדאַרפֿט רופֿן!

טאַמאַרע.

(נעמט פֿון זיין האנט דיִ צייטונג).

ס'איִז שוין, ס'וועט באלד אַריִבער (קוקט איִן בלאַט).

מענדל.

קוקט אַף איר א רעגע, גייט דאַן פֿאַרזיִכטיק צו זיין טיר, הויבט אוף דעם שליסל. וויל עפֿענען).

טאַמאַרע.

(שפרינגט אוף. לויפֿט צו אים, כאַפּט אים ארום, מיִט שרעק).

ניין, ניין, גייט ניִט אהיִן! גייט ניִט, גייט ניִט, גייט ניִט!

מענדל.

(שטאַרק דערשראָקן, באפֿרייט זיִך פֿון איר).

טאַמארע, וואָס איִז דאָס? וואָס איִז דיִר, טאַמארע?

טאַמאַרע.

(קומט צו זיך, קוקט זיך אום).

איִך ווייס ניט, איִך... עפעס האָב איִך זיִך דערשראָקן, אַזוי מוירעדיִק דערשראָקן, וואָס איִר גייט אהיִן...

מענדל.

וואָס איִך גיי אהיִן? דערשראָקן?

טאַמאַרע.

(פֿעסט).

נאָר ניין, ס'איִז גאָרנישט, ס'איִז גאָרניִשט, גאָרניִשט. גייט, גייט, אַ קליינער נערוונאָנפֿאַל געווען, כ א-כא! אָט, וואָס ווייבער זיינען! און איִר האט זיִך דערשראָקן? גייט, גייט, ס'איִז שוין אַריִבער. גייט.

מענדל.

(שאָקלט מיטן קאָפּ, אָפּ צעגערנדיק אין זיין צימער).

טאַמאַרע.

מאַכט ניט ווילנדיק א טראָט נאָך אים).

מענדל! (בלייבט שטיין, קוקט זיך אום). דער טאַטע... דעם שליסל... צוליב וואָס? און עפּשער געפונען פונקט אַזא? (פּעסט.) איך וועל דאָס דערגיין. (אָפּ רעכטס.)

פאָרהאַנג.

צווייטער אקט,

(רעכטס אין הינטערגרונט—וואַלד. לינקס—אן אפענער פלאץ און ווייטער—דער אָנהויב פון א בריק. רויטאַרמעישער פיקעט היט דעם צוגאַנג צום בריק. איין רויטאַרמייער שטייט מיטן ביקס, די איבעריקע ליגן אין גראָז באַם אנהויב פון וואלד, רו כערן, שמועסן. דורכן וואַלד גייען ווען ניט ווען דורכגייער; איינצלנע און אין גרופן, קלייבן עפּעס אין די קאָשעקעס, אין פאַרטעכער. פון נאענט און ווייט הערט זיך א קנאקן פון ביקסן, פון גאָר ווייט—הארמאטנקלעפּ).

עלטערער רויטאַרמייער.

(ליגנדיק).

דו קוק גוט, סטיאָפּאַ, באלד וועט דיך גרישקע איבערבייטן, וועסטו זיך לייגן. דעריקער—צום בריק זאָל זיך קיינער ניט דערוועגן.

רויטארמייער.

(ליגנדיק).

עפּשער גאָר פון וואַלד אלעמען פאַרטרייבן צו אַלדערוכעס? לאזן—און היטן! א קנאַפּער טאַכלעס.

עלטערער.

זאָלן זיי, גרישקע: הונגעריקע—עפּשער וועלן זיי עפּעס געפינען. נאָר דו היט.

גרישקע.

א, דאָרטן אַרום ברעג—קאַרטאָפל געווען: מ׳קאָן נאָך אַסאַך געפינען. אָבער דאָ עט!

עלטערער.

יאָ, דאָרטן! אבער אהינצו קאָן מען ניט צוליבן בריק. גאָר ווייט סאַידן...

א גרופע זוכער.

(ווזכגייענדיק)

— גאָרנישט ניטאָ דאָ:
— שוין לאַנג דאָ אלץ אויפגעקליבן, טאָמער איז געווען.
— איז דאָך אומעטום אזוי.
— א שוואם!
— ס׳אַראַ גרויסער!
—יא, יא, עס איז, עס איז,—ס׳ט׳פאַרשפארן אַ צווייטן מאָל שוין זוכן.
— וואַרף אוועק: אַ מוכאַמאָר—זעסט ניט? סאַם.
— א שאָד.
— א ריס אין האַרצן.
— ביזוואַנען מען געפינט עפעס—נאַ דיר—סאַם גאָר.
— דאָ איז גאָרנישט ניט צו געפינען.
— אַפילע קיין יאַגדעלע ניט.
— אט א פאָר! (לייגט אין מויל).
— א מענטשן גליקט. שוין פריער עפעס געפונען.
— און דו האָסט ניט געפונען?
— וואָס? גאָרנישט—א פאָר בלעטלעך שטשאַוו.
— דאָרטן ארום בריק—פאַראַן אסאַך!
— פעלדער גרויסע מיט אַלדאס גוטס—קאַרטאָפל...
— קארטאָפל—אַ!
— אבער אהין קאָן מען ניט.

— ק[illegible]מען ניט...
— עך, קאָן מען ניט...

(אָפ. טאַמאַרע און לייבקע קומען פון לינקס אין הינטערגרונט דורכן וואַלד.)

לייבקע.

(שפרינגט אַראָפ פון וועלאסיפעד).

אטאָ דאָ וועלן מיר זיך אַ רעגע אָפרוען.

טאמארע.

(אויך אראָפשפרינגענדיק פון איר וועלאָסיפעד).

געדאַרפט עפשער זיך ניט אפשטעלן בעסער (קוקט אפן זייגער). ווען קאנען מיר זיין צוריק? (זעצט זיך).

לייבקע.

צוריק? אפאָנים, נאָך האַלבן טאָג... (זעצט זיך לעבן איר).

טאמארע.

אַזוי לאַנג...

לייבקע.

... אויב קיין קויל וועט צו אונדז ניט פאַרבלאָנדזשען.

טאמארע.

צוריקוועגס וועלן מיר זיך שוין ניט אָפרוען.

לייבקע.

וואָס עפעס אַזאַ איילעניש אַף זיו מיטן „צוריק”? זע, ס׳אַראַ שיינקייט דאָ אין וואַלד! אַ רעוואָלוציע-וואַלד: אנשטאָט געזאנג פון פייגעלעך—קנאַקעריי פון ביקסן. און דער רייעך פון וואַלד איז אויך ניט יענער אלטער פאַרשלעפעדיקער רייעך—גאָר אַן אַנדערער: ער וועקט, ער רופט, ווי גוט עס איז—לעבן און קעמפן! און מיט דיר אינאיינעם, טאמאַרע (וויל זי ארומנעמען, זי רוקט זיך אָפ). נאָר דו ביסט היינט אַזאַ ערנסטע, א בלייכע, דיין געלעכטער האָסטו אינדערהיים פאַרגעסן... צי ניט באַ דיין מענדלען?... (לייגט ארום די האַנט ארום איר, זי ציט זיך פון אים)

ל יי ב ק ע.

ניין, ניין, זיי נִיט בייז אַף מיר, טאמארע, ווייסט דאָך, עס קומען מיר אמאָל אַזוינע נאַרישע געדאַנקען אין קאָפּ אַריין. (קושט איר האַנט, ציט זי נעענטער צו זיך). טאַמארע, אָטאָ דא, אַף אונדזער געפערלעכן גאַנג, בא אונדזער פאַראנטוואָרטלעכער ארבעט, זאָג מיר, טאַמאַרע, איין וואָרט זאָג מיר, אייניינציקן וואָרט... ווי בא עמעסע רעוואָלוציאנערן—אונטערן קנאַקן פון ביקסן... טאַמאַרע, איין וואָרט, אייניינציקן וואָרט! און לאמיך וויסן, ווען דעם סוי־נעס קויל וועט מיך טרעפן, אַז דו האָסט מיך ליב, אַז דו ביסט מיינע, אינגאַנצן מיינע, טאַמאַרע!

ט אַ מ אַ ר ע.

(שוואַך).

לייבקע, לאָז מיך, איך קאָן יעצט ניט, לייבקע... (לאזט אראָפּ דעם קאָפּ אף זיין אקסל. ער דריקט זי צו זיך, קושט זי.) מיר איז אַזוי שלעכט, לייבקע, און דו ביסט מיר אַזאַ ליבער, אַזאַ נאָענטער...

ל יי ב ק ע.

(פאַרשטעלט איר דעם מויל מיט קושן).

רייד ניט, טאמארע, קיין איין וואָרט ניט. אַך ווי גוט עס איז—מיט דיר איניינעם, טאַמאַרע... (קושט זי אלץ ליידנשאפטלעכער).

טאַמארע.

(גיט זיך פלוצלונג א ריס אפ פון אים).

ניין, ניין, לייבקע, ניין, איך בין נאָך ניט שוואַך. זאָג מיר בעסער—דו ביסט אַ רעוואָלוציאנער?

ל יי ב ק ע.

טאמאַרע, אבער טאָר דען אַ רעוואָלוציאָנער ניט לעבן? איך פאַרשטיי דיך ניט.

ט א מ א ר ע.

ניט דאָס, לייבקע, ניט דאָס.

ל יי ב ק ע.

וואָס דען ווילסטו וויסן?—צי איך בין אַ רעוואָלוציאָנער? דו לאַכסט פון מיר.

ט אַ מ א ר ע.

איך רייד ערנסט. איך ווייס, אז דו ביסט אַ רעוואָלוציאנער, דעריבער ביסטו מיר אַזאַ... אזאַ... נו, מיילע—גענוג וועגן דעם, זאָג מיר, לייבקע, וואָס וואַלסטו געטאָן, ווען דיין טאַטע, דיין מאַמע, דיין שוועסטער אָדער דיין ברודער איז א סוינע? וואָס וואָלסטו געטאָן, לייבקע?

ל יי ב ק ע.

וואָס טאַטע, וואָס מאַמע, און ווען דו, טאַמאַרע, ביסט אַ סוינע—מיט מיינע אייגענע הענט וואָלט איך דיך דערשטיקט.

ט א מ א ר ע.

(שפרינגט אוף)

גוט, לייבקע, נאַ דיר מיין האנט. יעצט קום, מיר מוזן וואָס גיכער אפפאַרטיקן אונדזער ארבעט...

ל יי ב ק ע.

(פארהאלטנדיק איר האנט).

טאַמאַרע, וואָס...

(ט א מ א ר ע רייסט ארויס איר האנט, יאגט פאנאַנדער איר וועלאסיפעד. אפ רעכטס אין הינטערגרונט. ל יי ב ק ע נאך איר. פון רעכטס פארנט קומען דרייען מיט קאָשיקעס).

ע ר ש ט ע ר.

נו, כעוורע, אָט איז שוין די וואַך. גייט גלייכער, מ'זאָל ניט באמערקן, אז אין די קאָשיקעס איז עפעס שווערעס. מירן דורכגיין די וואַך, וועלן מיר ווידער נעמען צו קאפעלעך. (ווייזט א פלאַש און באהאלט צוריק).

צ וו יי ט ע ר.

וואָס—וואַרטן! גיב שוין. אין האלדז איז טרוקן, אויסגעסאַרפעט.

ערשטער.

און אז איך האב זיך אַ גאַנצע נאַכט אומגעשלעפּט? עפּשער אין צוואַנציק ערטער. אומעטום איבערגעלאָזט יאַטן—עמעסע, ניט אַזוינע שמאַטעס, וואָס קאָנען א מינוט נים וואַרטן. און געלט וועלן זיי האבן—אייגנסן!

דריטער.

געלט! וויניק גיסטו, הינטישע מוטער.

ערשטער.

נאָ, יוזעף, בורטשע ניט. געלט וועט זיין גענוג—מאַכט נאָר אַלץ, ווי איך האב אייך געזאָגט. ווייסט, איך בין אַ גוטער ברו-דער. און דער פּאַן וועט ניט זשאלעווען... דעריקער—איר זאָלט ניט פאַרגעסן, ווי דאָס אנצוצינדן און ניט איינשלאָפן דאָרטן, און זיך צוהארכן זאלט איר, ווען מ'עט אָנהויבן קלינגען אין אלע קלויסטערס מיטאַמאָל. דאָס וועט זיין דער סינגאַל אַף אָנצינדן. און דו באָליעס, אייל ניט מיטן אַריינגיסן, דאַיגע ניט: איכל דיך אַזוי אָנשיקערן, אז דו וועסט פאַרלירן דעם שליסל פון...

צווייטער.

נאָר דו, פראַנצישעק, זאָלסט דערווײַלע ניט פאַרלירן דעם פּאַסיר-צעטל, כאָכאָ!

ערשטער.

שטילער, הינטיש בלוט, א כאָליערע זאָל דיר דערשטיקן. ניט פראַנצישעק—מענדל-כאָנעס הייס איך. געזאָגט—און גענוג.

דריטער.

כאכאָכאָ, אַ זשיד געוואָרן! האסט אפּולע געלט?

צווייטער.

א בריס געמאַכט און קיין בראַנפן ניט געגעבן.

ערשטער.

איר'ט האלטן ס'מויל אָדער ניט? מיט אייער בילן וועט איר דאָס גאַנצע שפּיל פאַרדאַרבן,—און קיין פאגראם וועט אויך ניט זיין שוין.

ביידע אנדערע.

נו, רעכט שוין, רעכט, מיר שווייגן.

(די דריי גייען צו צו דער וואַך. מאָשע-כאַים קומט פון רעכטס מיט א ליי-דיקן קאשיק, זוכט, שארט מיטן שטעקן, געפינט גארניט, קוקט זיך צו צו די דריי).

מאשע-כאים.

כ'וואָלט שווערן, אז דאָס איז פראַנצישעק דער גאַנעוו. און די אנדערע צוויי?—שוואַרץ-יאָר ווייס זיי—מיסטאמע אויכעט פון ד ע ם מין. אָבער פולע קאשיקעס—געזען אביסל! אנגעגאַנוועט מיסטאמע. דאָ אנקלייבן האבן זיי דאָס ניט געקאָנט.

פראַנצישעק.

(צו דער וואַך).

ווער איז דאָ דער עלטערער?

עלטערער.

איך, כאַווער, וואָס דאַרפט איר?

פראַנצישעק.

(באווייזט דעם פאסיר-צעטל).

מיר דאַרפן דורכגיין צום בריק.

עלטערער.

(לייענט).

מענדל כאָנעס. דאָס זייט איר כאווער?

פראַנצישעק.

איך, כאווער, איך בעט ניט אופהאלטן קיין איבעריקע. זייער נויטיק.

ע ל ט ע ר ע ר.

יאָ, כאוועו, אָבער דער פאסיר-צעטל איז נאָך ווייניק אף דורכלאָזן. דעם פּאַראָל אויב איר וועט זאָגן, וועט איר דורכגיין. (הויבט זיך אוף צו אים).

פּ ר אַ נ צ י ש ע ק.

דעם פאראָל? ביטע. (שטיל) פּאטראָן.

ע ל ט ע ר ע ר.

(אויך אזוי)

פעטראָגראד. (הויך) איר קאָנט דורכגיין, כאוועו. סטיאָפּע, לאָז דורך די כאוויירים. (די דריי אָפּ לינקס).

מ אָ ש ע־כ אַ י ם.

מענדל כאנעס? מענדל כאנעס — האָט ער געזאָגט? אָי, א בראָך איז מיר! — דאָס איז דאָך... דאָס איז דאָך גאָר אוו-ראָהאָמקעס קווארטיראנט! אוואדע, אוואדע אזוי. אזא פּראנציִשעק, אזא גאנעוו! או-און וועמען זאָגט מען? צו וועמען רעט מען? אַז ס'איז גאָר נישטאָ קיין נעפּעש ערגעץ נים. אי אַ גע-שיכטע! (לויפט אום אין וואַלד זוכנדיק. פון רעכטס פאָרנט קומט לייבקע).

ל יי ב ק ע.

(שפּרינגט אַראָפּ פון וועלאָסיפּעד, רעט אָף צוריק געווענדט).

שטיי, טאַמאַרע, דוכט זיך, דיין מאָשע-כאַים דרייט זיך דאָ אַרום. ניט קעדאַי, ער זאָל דיך זען. שטעל זיך דאָרטן הינטער די קוסטעס, אָט אזוי.

(ווערנד דער ווייטערדיקער סצענע קוקט טאַמאַרע אַלע ווײַלע אומגעדולדיק אַפּער; לייבקע ווינקט איר איטלעכעס מאָל זיך ניט צו באווייזן).

ל יי ב ק ע.

רעב מאָשע-כאַים!

מ אָ ש ע־כ אַ י ם.

(שטאַרק אופּגערעגט, הערט ניט).

אי, אי, אי! אז ס'איז גאָר נישטאָ צו וועמען צו ריידן, איז גאָר נישטאָ, אַ גאַנעוו, אַ רעצויעך, אַ פוילישע פּליאקע: נאַ דיר גאָר — מענדל כאָנעס! אַז ס'איז דאָך א יידישער נאָמען גאָר!— און ער גייט דורך מיט זיין קאמפּאַניע גראָבן קאַרטאָפּל. און די קאָשיקעס זיינען בא זיי אזוי אויך פּולע.

ל יי ב ק ע.

רעב מאָשע-כאַים! וואָס עפּעס אַזוי צוטראָגן? רעב מאָשע כאַים!

מ אָ ש ע־כ אַ י ם.

אַ, דאָס זייט איר? אוי סאַרא אנטיק! דוכט זיך — דער כאַ-ווער, וואָס מיט טאַמאַרען... איך דערקען שלעכט אַ מענטשן, האָט קיין פּאַריבל ניט. זאָגט מיר איר ווייסט ניט? (שטיל) מענדל כאָנעס — אַ נאָמען... דאָס איז דאָך גאָר אַווראָהאָמקע ווילקס קוואַרטיראַנט. פּאַראַן נאָך איינער מיט אזאַ נאָמען? איר ווייסט עפּשער? מיסטאָמע אַרויסגעגאַנוועט. אַז דאָס איז דאָך אַ גאַנעוו, אַ רעצויעך, אלע קענען אים — פּראַנציִשעק! ווי איר זעט מיך אַ יידן.

ל יי ב ק ע.

(אויך שטיל)

מענדל כאָנעס — זאָגט איר? פּראַנציִשעק? רעט דייטלעכער, איך פאַרשטיי גאָרנישט. דעריקער — גיכער.

מ אָ ש ע־כ אַ י ם.

אָט גייען זיי דאָך — איר זעט ניט? (ווייזט אַף לינקס). פּולע קאָשיקעס — איר זעט? און יעצט וועלן זיי דאָרטן נאָך אָנגראָבן אַף אַ גאַנצע וואָך צו פּרעסן — קאַרטאָפּליעס. אָט האָבן זיי זיך געזעצט אָפּרוען. אָט האָט דער גאַזלען, דער פּראַנצישעק אַרויסגענומען אַ פּלאַש. זעט, ווי זיי קערן.

ל ײ ב ק ע.

דער איִקער, דער איִקער, רעב מאָשע-כאַיִם, איִך פאַרשטיי נאָך אַלץ ניִט.

מ אָ ש ע־כ אַ יִ ם.

איִך זאָג (שטיִל): — אַז ס'איִז דאָך גאָר ניִשטאָ צו וועמען צו ריידן איִז דאָך ניִשטאָ. צו די סאָלדאַטן? — אַז דאָס זיינען דאָך גאָיִם — זיי ווייסן דען? אַ נאָמען איִז אַ נאָמען. אַי מענדל כאָנעס איז גאָר אַ ייִדיִשער נאָמען און דאָס איז גאָר אַ גאָי, אַ גאַנעוו, אַ רעצויעך — פראַנציִשעק, ווי איִר זעט מיך אַ ייִדן, איר הערט ציִ ניין? — פראַנציִשעק! איִז וואָס ווייסן זיי? מען באווייזט זיי א פאַפירל, לאָזן זיי דורך. און אז איִך זאָל נעמען ריִידן — איִר הערט ציִ ניין? — קאָנען זיי מיִך נאָך פאַרזעצן איִן קוטשעמענט, וויִ איִר זעט מיִך אַ ייִדן. איִז האָב איִך טאקע מוירע, וואָס זאָל איִך לייקענען?

ל ײ ב ק ע.

(שטרענגט זיִך אָן צו פאַרשטיין, שטיִל).

מענדל כאָנעס? אַ פאַפירל? אַ פאַסיִר-צעטל הייסט עס?

מ אָ ש ע־כ אַ יִ ם.

איך ווייס זייער, וויִ זיי רופן דאָס. באַ מיִר פויעלט איִר, אַז דאָס זאָל זיין אַ פאַסיִר-צעטל. אַרויסגעגאַנוועט.

ל ײ ב ק ע.

(שטיל)

אַ פאַסיִר-צעטל אַף מענדל כאָנעסעס נאָמען?

מ אָ ש ע־כ אַ יִ ם.

(אויך אזוי),

הע, וועגן וואָס רייד איִך? אַ גאָי גאָר, אַ...

ל ײ ב ק ע.

מיט פולע קאָשיִקעס? צום בריק...

מ אָ ש ע־כ אַ יִ ם.

פולע... אַ שפיִלקע קעפל ניִט אַריינצוואַרפן. פון אלדעס גוטס אַוואַדע דאָרטן איִנעווייניִק. און יעצט וועלן זיי נאָך אָנ-גראָבן... (דיִ לעצטע ווערטער רעט מאָשע-כאַיִם הויך, ווייל לייבקע איז שוין אוועק צו דער וואך).

ל ײ ב ק ע.

(צו דער וואך).

ווער איִז דאָ דער עלטערער?

ע ל ט ע ר ע ר.

(זעצט זיִך אויף),

איִך, כאַווער.

ל ײ ב ק ע.

(ווייזט איִם א פאַפיִר, שטיִל).

פאַטראָן.

ע ל ט ע ר ע ר.

(אויך אזוי).

פעטראָגראַד. (הויך) אלץ איִן אָרדענונג. איר דאַרפט דורכגיין, כאַווער?

ל ײ ב ק ע.

דאָס — שפעטער. זאָגט מיִר פריער: די דריי, וואָס זיינען נאָר וואָס דורכגעגאַנגען...

ע ל ט ע ר ע ר.

זיי האָבן געהאַט אַ פאַסיִר-צעטל און געזאָגט דעם פאַראָל.

ל ײ ב ק ע.

זייער פאַסיִר-צעטל איז א פאַלשער.

ע ל ט ע ר ע ר.

אָבער דער פאַראָל, כאַווער...

ל ײ ב ק ע.

דאָס מאַכט דיִ זאַך נאָך פאַרדעכטיִקער. מ'דאַרף וויִסן, פונ-וואַנען זיי האָבן דעם פאַראָל.

ע ל ט ע ר ע ר.

(שפרינגט אויף).

אָ, עמעס, (קאָמאַנדעוועט) די ביקס! (רויטאַרמייער הויבן זיך האַסטיק אויף, נעמען די ביקסן).

ע ל ט ע ר ע ר.

איוואַנאָוו! סידאָראָוו! יענע דריי — טויט אָדער לעבעדיק צוריקברענגען!

(צוויי רויטאַרמייער האַסטיק אָפּ לינקס. די איבעריקע קוקן געשפּאַנט נאָך זיי, מאַכן באַמערקונגען).

— זיי זעען נאָך גאָרנישט ניט.
— פֿאַרטאָן אין דער אַכילע.
— איצט קוקן זיי זיך אום.
— דערשראָקענע. אַי מאַמעלעך!
— איינער וויל לויפֿן. יענע לאָזן ניט.
— דאָס איז דער עלטערער זייערער, וואָס מיטן פּאסיר-צעטל.
— האַלטן אים.
— דעם דאַרף מען טאַקע.
— האַלט אים, האַלט אים! אָט אַזוי.
— אונדזערע זיינען שוין לעבן זיי.
— די הענט אין דער הויך. ריכטיק. אַזוי, אזוי.
— ער וויל ווידער לויפֿן. אַ רעוואָלווער פֿון קעשענע. אַי, אַ מאַזיק!
— מאָלאָדיעץ, איוואַנאָוו! מיטן פּריקלאַד. אָט אַזוי!
— הענגט די האַנט! כאָכאָכאָ!
— אָט האָט סידאָראָוו אים געבונדן די הענט. שטופּט אים פֿאָרויס.
— די צוויי גייען אַליין.
— נאָך גוט, וואָס אָן די קאשיקעס, אַניט וואָלטן זיי גאָר געפּויזעט.

— וואָס עפּעס אָן די קאָשיקעס? וואָס עפּעס דאָרטן געלאָזן?

ע ל ט ע ר ע ר.

(שרייט).

וואָס עפּעס די קאָשיקעס געלאָזן?

— הערן ניט.
— הויבן אָן גיין גיכער אַביסל.
— אָט, אָט באלד זיינען זיי שוין דאָ.

ל יי ב ק ע.

דעריקער — מ׳וועט דאַרפֿן דערגיין, ווו האָט ער באַקומען דעם פּאַראָל.

ע ל ט ע ר ע ר.

און דעם פּאַסיר-צעטל.

ל יי ב ק ע.

דאָס קאָן ער האָבן גענאַנוועט.

— אָט זיינען זיי שוין.
— אָט, אָט...

ע ל ט ע ר ע ר.

כעוורע! פֿאַרוואָס האָט איר די קאָשיקעס ניט גענומען?

ע ר שׁ ט ע ר ר ו י ט אַ ר מ יי ע ר.

(הינטער דער סצענע).

פֿאַרדעכטיקע עפּעס אזוינע. גאָר ניט קיין שוואָימען און ניט קיין יאַגדעס.

צ ו ו יי ט ע ר ר ו י ט אַ ר מ יי ע ר.

(אויך הינטער דער סצענע).

פּעק אַזוינע לאַנגע און בלעכענע פּושקעס.

ע ר ש ט ע ר ר ו י ט א ר מ יי ע ר.

ניט געוואָלט טשעפּען — מאלע וואָס.

צווייטער רויטאַרמייער.

מאַלע וואָס. פאַרשווינען גאָר פאַרדעכטיקע.

ערשטער רויטאַרמייער.

(אופטרעטנדיק הינטער די ארעסטירטע).

צוגעדעקט פון אויבן מיט גראָז און בלעטלעך די קאָשיקעס.

עלטערער.

(צו פראַנציסעקן).

אייער פאַסיר-צעטל, כאַווער.

פראַנציִשעק.

כ'האָב אים פאַרלאָרן.

עלטערער.

אַייער נאָמען.

פראַנציִשעק.

כ'געדענק ניִשט.

עלטערער.

איוואַנאָוו! סידאָראָוו! באַזוכט אים.

(די אָנגערופענע באזוכן אים. שלעפן פון זיינע קעשענעס).

— אָט אַ מעסער, אַ גוט מעסערל, כעכע. געפרווווט שוין מיט אים אַרבעטן, כאַווער?

— אָט — געלט, סאַראַ פאַק! אָט נאָך — אויך געלט? מיט אַן אָדלער אינמיטן.

— פויליִשע, אַפאָנים.

— צוגעגרייט זיך שוין, כעכעכע!

— וואַרט נאָך, ברודערקע, פאַראַן נאָך ביקסן באַ אונדז.

— און נאָך הענט אַף צו האַלטן.

— און אט — פאַפירן.

עלטערער.

(נעמט די פאַפירן).

אָט איז דער פאַסיר-צעטל. (באווייזט לייבקען). גיט נאָר אַ קוק דורכט זיך, אַ ריכטיקער.

לייבקע.

(נעמט אין האַנט לייענט שטיל).

מענדל כאָנעס, יאָ, אָבער דעם מענטשן מיט דעם נאָמען קען איך גוט. דער איז דאָס ניט.

עלטערער.

כעוורע! בינדן אלע דריי פאַרשווינען. סט'קומען אַ פאַטרול, וועט מען זיי אָפשיקן אין שטאַב. (רויטארמייער בינדן זיי).

לייבקע.

(שרייבנדיק און אָפגייענדיק צום מיטן).

איך וועל באַלד אויך זיין אין שטאַב, וועל איך דאָרטן זאָגן...
רעב מאָשע-כאַים! איר ווילט, די באַלעבאַטים זאָלן אַוועקלייגן די בעזימער און צוריק נעמען אין די הענט די קאַנטשיקעס?

מאָשע־כאיִם.

כעכע! גוט געפרעגט.

לייבקע.

נו, איר ווילט?

מאָשע־כאיִם.

אַלץ יאָ — נאָר דאָס ניט.

לייבקע.

טאָ נאַט. איר קאָנט גיין גיך? (פאַרקלעפט דאָס צעטעלע און גיט אים).

מאָשע-כאַיִם.

איכל לויפן, אויב מען דאַרף. איר קוקט ניט, וואָס בא מיר איז אַ קאַליקע פוס, אָבער אויב מען דארף — איז לויף איך.

לייבקע.

מען דאַרף.

מאָשע־כאיִם.

איז ניט גערעט: אַ שפרונג און א פלי — און איך בין דאָרטן, ווו דאַרף מען דאָס אָפגעבן? כעכע! — כ'האָב גאָרניט

געוווסט, אַז איר זייט אזאַ... אזא מאכער! כעכעכע! אָט — די יונגע...

ל ײ ב ק ע.

דער אַדרעס איז דאָ אָנגעשריבן. איר קאָנט לייענען?

מ אָ ש ע־כ אַ ים.

אַביסל קאָן איך, און טאָמער וואָס — וועל איך פרעגן. (וויל גיין).

ל ײ ב ק ע.

(שטעלט אים אָפּ).

פרעגן, רעב מאָשע-כאַים, דאַרף מען אויסמיידן. דאָס איז אין פאַרטקאָם. איר ווייסט ניט ווו דאָס איז?

מ אָ ש ע־כ אַ ים.

אַף דער דאָסיקער גאַס — אַף...

ל ײ ב ק ע.

אַף לענינגאַס.

מ אָ ש ע־כ אַ ים.

יאָ, יאָ, אַף לענינס גאַס, איך ווייס, איך ווייס. אַ מויער אַ גרויסער (וויל גיין).

ל ײ ב ק ע.

(שטעלט אים אָפּ).

אָבער — שטומען, רעב מאָשע-כאַים! דעריקער — אייער אַוואָראָהאָמקע מיט זיינע שטובּיקע טאָרן ניט וויסן. איר הערט?

מ אָ ש ע־כ אַ ים.

איך הער, איך הער, כאָכאָכאָכאָ! אָי, אָן אַ בויך צו בלייבן, ווי די וועלט האָט זיך דאָס איבערגעקערט — אַן עמעסע ריוואָ-לוציע! אַמאָל האָבן זיי דאָך געהאַט פון מ י ר סוידעס (וויל גיין).

ל ײ ב ק ע.

(שטעלט אים אָפּ).

רעב מאָשע-כאַים! און נאַט אייך מיין זייגער.

מ אָ ש ע־כ אַ ים.

אף וואָס דאָס?

ל ײ ב ק ע.

פאַר דער טירכע. זאָל זיין זיכערער.

מ אָ ש ע־כ אַ ים.

זיכערער? ע, פאָרט יונג — דער סייכל, האט קיין פאַריבל ניט... און אַז איר וועט מיר אָנשיטן אַ שטוב מיט גאָלד, וועל איך... וועל איך... עט! אז איך וואָלט דאָך נאָך אייך צוצאָלן פאַרן שיקן מיך.

ל ײ ב ק ע.

(דריקט אים די האַנט).

נו, טאָ גייט, כאַווער מאָשע כאַים. איר זייט, הייסט עס, אונדזערער?

מ אָ ש ע־כ אַ ים.

אונדזערער, אונדזערער, כע-כע-כע! (שנעל אָפּ).

ט אַ מ אַ ר ע.

(קומט אַפער).

אוועק שוין? דו האָסט אים אוועקגעשיקט? וווהין האָסטו אים געשיקט?

ל ײ ב ק ע.

וועסט אַלץ שפעטער וויסן. (הארט) דערוויילע גיב מיר דעם פאַקעט.

ט אַ מ אַ ר ע.

און וועגן מענדל כאָנעס האט מען דאָ עפעס גערעט.

ל ײ ב ק ע.

װעסט אַלץ שפּעטער װיסן, זאָג איך דאָך. דערװײַלע — דעם פּאַקעט אהער.

ט אַ מ אַ ר ע.

װאָס עפּעס דיר דעם פּאַקעט?

ל ײ ב ק ע.

אזױ דאַרף מען.

ט אַ מ אָ ר ע.

װאָס עפּעס פּלוצלונג? און װאָס עפּעס אזא טאָן?

ל ײ ב ק ע.

אָן איבעריקע רייד. גיב דעם פּאַקעט.

ט אַ מ אַ ר ע.

(קוקט אף אים אַ װײלע פֿאַרשנדיק, גיט אים דעם פּאקעט).

אָבער קום שױן, די צײַט שטײט ניט.

ל ײ ב ק ע.

אײלסט זיך אהײם צו מענדלען? צום טאַטן? װעסט קומען צו זײַ צײַטיק גענוג.

ט אַ מ אַ ר ע.

(שטרענג).

װאָסערע דיבורים, לײבקע!

ל ײ ב ק ע.

אזױנע דיבורים. נו, פֿאָר. דו װעסט פֿאָרן אַפֿריער, און איך — הינטער דיר.

ט א מ א ר ע.

(האָט שױן געמאַכט אַ טראָט, שטעלט זיך פּלוצלונג אָפּ, מיט כשאַד).

דעם פּאַקעט האָסטו אָפּגענומען און װילסט פֿאָרן הינטער מיר? (נעמט ארױס דעם רעװאָלװער) דאָס װעט ניט זײַן, לײבקע! דו פֿאָרסט אַפֿריער.

ל ײ ב ק ע.

פֿאָרט אַ העלדישע באַבע... נו, מיר פֿאָרן בײדע גלײַך. קום.

ט אַ מ אַ ר ע.

(קוקט אף אים א רעגע פֿארדראָסיק).

װאָס פֿאר אַ מעשוגענע פֿליג האט אים אַ ביס געטאָן? גוט, מירן אײנער דעם אַנדערן היטן. קום. (ט א מ א ר ע גײט צו דער װאַך, װײזט איר פּאַסיר-צעטל, זאגט דעם פּאַראָל. ל ײ ב ק ע גײט מיט איר גלײַך).

ע ל ט ע ר ע ר.

סטיאָפּאַ, לאָז דורך.

ט אַ מ א ר ע.

(פֿאַנאנדעריאָגנדיק איר װעלאָסיפּעד צו לײבקען).

געדענק, דו דערװעגסט זיך ניט צו בלײַבן אַ טראָט פֿון הינטן.

ל ײ ב ק ע.

רעכט, רעכט. אָבער דו אױך ניט.

(בײדע שנעל אָפּ ליִנקס, היטנדיק אײנער דעם צװײטן).

(פֿ אָ ר ה א נ ג)

דרי̇טער אַקט.

(דערזעלבער אָרט פונם ערשטן אַקט. דער ראַש אינדרויסן איז שטאַרקער, די שי̇סעריי נעענטער און געדיכטער. ביילע קערט די שטוב, אַווּרעמל גייט אום אופֿגערעגט).

ביילע.

אי̇ז וואָס זאָגסטו פֿאָרט, אַווּרעמל? האַ? (העכער). אַווּרעמל! זע, ווי̇ ער ענטפֿערט ני̇ט.

אַווּרעמל.

וואָס ווי̇לסטו? וואָס ווי̇לסטו, פֿרעג איך באַ די̇ר, ביילע? וואָס האָסטו זי̇ך איינגעגעסן אי̇ן מי̇ר? (רוי̇קער). ווי̇דער מי̇ט דיינע טיי?

ביילע.

אָבער, גי̇ב נאָר אַ קוק אַף זיך אי̇ן שפּי̇גל, גיב גאָר, טשי̇קאַווּעס, אַ קוק: אַ שענערן לייגט מען דאָך אי̇ן דרערד אַריין.

אַווּרעמל.

אָבער אז אי̇ך קאָן ני̇ט קלערן אַפֿי̇לע וועגן ... יועגן ...

ביילע.

אַן איינגעשפּאַרטער! נעכטן אַ טאָג גאָר נישט ני̇ט אי̇ן מויל געהאַט, היינט — אויך נאָך אי̇נגאַנצן אַ ני̇כטערער. לעכאָלעפּאָכעס — אַ גלעזל וואַרעם וואַסער! שאָדן יועט די̇ר דאָך דאָס

ניט, — יאָ וועלן, ני̇ט וועלן... או-און אַגאַנצע נאַכט ניט געשלאָפֿן ... (אַווּרעמל ענטפֿערט ניט, גייט אום. קורצע פּויזע).

ביילע.

(גיט א קוק דורכן פענצטער).

ווי̇ מ׳קאָן דאָס צו אַלץ געוואָינט ווערן: די̇ שי̇סעריי און לויפֿעריי — אַז ס׳זאָל דאָס פלוצלונג אופֿהערן, וואָלט שוין אויסגעקומען ווי̇ עפּעס ני̇ט געוויינטלעכס (פּויזע). און מי̇טן עסן—אויך דאָס אייגענע.

אַווּרעמל.

מי̇טן פֿאַסטן, מיינסטו.

ביילע.

(זיפצט).

שטייט אַן אָטשערעד, ווי̇ די̇ גאַס אי̇ז לאַנג, נאָך הינטערן ראָג פֿאַרבויגן — אַבי̇סל געקעכטס כאַפּן. העכער האַלב וועלן געווי̇ס שוין גאָרני̇שט ני̇ט באַקומען. פֿונדעסטוועגן שטייט מען — טאָמער.

אַווּרעמל.

וואָס האָט מענדל היינט אי̇נדערפֿרי̇ געטאַינעט?

ביילע.

עפּעס פֿאַרפֿאַלן געוואָרן באַ אי̇ם. פֿון פּאָרטפֿעל ארויס — זאָגט ער. ווי̇ קאָן דאָס זיין? פֿאַרגעסן מיסטאַמע אַריינצולייגן.

אַווּרעמל.

האָסט עס אי̇ם געזאָגט?

ביילע.

געזאָגט! וואָס אי̇ז די̇ פּולע? — געהאַט זייער אַ נויטי̇קן גאַנג און ניט געקאָנט גיין אָן דעם פּאַפּי̇רל.

אַווּרעמל.

אַן אומגלי̇ק אי̇ן שטאָט.

ב י י ל ע.

אי, ביסטו געוואָרן אַ געשמאַקער מענטשעלע! — אַ כיעס מיט דיר צו ריידן.

אַ וו ר ע מ ל.

איז ניט (שפּאַנט אום, שטעלט זיך אפּ, טאַפּט זיך דעם שטערן). האַ? און טאַמאַרע?

ב י י ל ע.

וואָס?

אַ וו ר ע מ ל.

זי האָט אים געהאָלפן זוכן דעם שליסל?

ב י י ל ע.

וועמען?

אַ וו ר ע מ ל.

מענדלען.

ב י י ל ע.

מענדלען? דעם שליסל? וואָסער שליסל?

אַ וו ר ע מ ל.

אַ שליסל?

ב י י ל ע.

איך וויים דאָך נים. אַ שליסל, זאָגסטו, מענדלען...

אַ וו ר ע מ ל.

אַ שליסל, האָב איך געזאָגט? גאָר אַ נייס! וואָס דיר קאָן זיך אָפּרוכטן. דאָס פּאַפּירל — האָב איך געזאָגט.

ב י י ל ע.

באַ דיר איז דאָך אַלץ אַזוי: דו באָלבעסט, און מיר דוכט זיך אָפּ! געזען אַביסל?! אליין פרעגט ער נאָר וואָס מיט זיין אייגענעם מויל, צי טאַמאַרע האָט געהאָלפן מענדלען זוכן דעם...

אַ וו ר ע מ ל.

(שלאָגט איבער).

מיילע, ניט קיין נאַפּקע מינע: האָב איך זיך פאַלש אַרויסגע־רעט, האָסטו ניט ריכטיק געהערט... אָבער זי האָט אים געהאל...

ב י י ל ע.

נאָך אַ מין! זי האָט איבערגעקערט די גאַנצע שטוב קאַפּויער. געווען אופגערעגט...

אַ וו ר ע מ ל.

אופגערעגט...

ב י י ל ע.

... אופגערעגט און שטאַרק צוטראָגן. אַ קלייניקייט — זי פאַר מענדלען!

אַ וו ר ע מ ל.

און גערעט האָט זי עפּעס?

ב י י ל ע.

גערעט? וואָס זאָל זי ריידן? אַפילע קיין האַלבן וואָרט ניט ארויסגערעט.

אַ וו ר ע מ ל.

קיין האַלבן וואָרט ניט ארויסגערעט?

ב י י ל ע.

אַ שטומע — און גאָר.

אַ וו ר ע מ ל.

און מיטן איבערקלויבן זיך ווי איז געווען?

ב י י ל ע.

אויך אַזוי. זי זאָל אַפילע איבערקערן די צונג. גענומען אירע ביכלעך דאָרטן עטלעכע און פּאַפּירלעך, גענומען דעם וועלאָסיפּעד און אַוועק צו מאָשע־כאַימען.

א ו ו ר ע מ ל.

מיילע... אבי זי האָט זיך איבערגעקליבן. מענדל האט זיך אויך געדאַרפט איבערקלייבן.

בּ יי ל ע.

מענדל? אָט גייט ער טאַקע באַ דעם עמעס. פאַרביי פענצטער נאָר וואָס דורכגעגאַנגען (אַוורעמל גיט א ציטער).

מ ע נ ד ל.

(קומט פון גאַס מיטן פארטפעל, ווישט זיך דעם שווייס).

אוף סאַראַ היץ.

בּ יי ל ע.

מיר ריידן דאָ נאָר וואָס וועגן אייך.

מ ע נ ד ל.

וועגן מיין פאַסיר-צעטל? יא, א פאַרדראָס איז דאָס גאָר אַ גרויסער און א העזיק געווען: געהאט א נויטיקן גאַנג...

א ו ו ר ע מ ל.

(שפאטיש)

אַ נויטיקן גאַנג! אומגליקלעך די גאַנצע וועלט.

בּ יי ל ע.

איר הערט? אוי, איז דאָס אַ זיסקייט געוואָרן.

א ו ו ר ע מ ל.

(קערט זיך אָפּ).

שויטים!

מ ע נ ד ל.

דאָס האָט א שאַיכעס צו מיר אויך, אַוורעמל?

א ו ו ר ע מ ל.

ביסטו דען ניט קיין באָלשעוויק?

מ ע נ ד ל.

דו האסט ניט האָלט די באלשעוויקעס?

א ו ו ר ע מ ל.

אבי דו פאַרשטייסט.

מ ע נ ד ל.

מעגסט זיך פיינט האָבן. אָבער טאָמער וועלן מיר זיך אופּ-טרעפן אף אן ענגן וועג, זאָלסט אויך קיין פאַריבל ניט האָבן.

א ו ו ר ע מ ל.

איך האב פאַר ניקאָלאַיען מיט זיינע מעשארסים אויך קיין מוירע ניט געהאַט.

מ ע נ ד ל.

טיפּעש! האסט נאָך דעם טאַם פון טשעקאַ ניט פאַרזוכט: „אוי דאָרטן צו וואָינען איז טרויעריק און באנג"...

בּ יי ל ע.

(האָט אויסגעקערט).

איז גיי איך דערווײילע אין אָטשערעד. א נומער האב איך שוין. כ'האב זיך דאָס נאָר אַראָפגעכאַפּט צוקלייבן אביסל די שטוב.

א ו ו ר ע מ ל.

א גומער האָסטו שוין? מאַזלטאָוו דיר. באַם נומער וועסט אבער בלייבן. מענטשן גרייטן א טיש פאַר גאָר דער וועלט, לייגן ארוף אביסל פאַרדאַרטע שקארינקעס—ווערט א געשטופעריי אַ געכאַפעריי: ווער עס כאַפּט אַ שקאָרינקע, און די איבעריקע קלאַפּן מיט די ציין. גרייטן זיך אַליין באזונדער א טיש—פּע! אַף דעם איז שוין פאַראַן טשעקא.

בּ יי ל ע.

(האט צוגעקליבן, וויל גיין, קערט זיך אום).

סט'עפשער פּארט אויסטרינקען אַ גלעזל טיי? אַוורעמל זאָג, מאַכן דיר?

א ו ו ר ע מ ל.

(אין קאַעס).

חער שוין אוף אַמאָל מיך צו עקבערן מיט דיינע טיי! (מענדלען) אי, זאָלט איר שוין...

ביילע.

איינמאָל א יידעלע! (אפּ).

מענדל.

און דיר געפעלט ניט?

אוורעמל.

און דיר געפעלט? עס קאָן פון דעם גאַנצן שפּיל עפּעס
ארויסקומען, כוץ אומגליקן, כוצן באנקראָט פונם סאָציאליסטישן
געדאַנק, כוצן כורבן פונם גאַנצן לאַנד? און אז דער כורבן וועט
קלאָר ווערן, און דאָס פאָלק וועט אראָפּוואַרפן פון זיך די פאַר-
האַסטע באָלשעוויקעס און זשידעס—צי וועט דען איין ייד אין
דער גאַנצער סאָוודעפּיע בלייבן א לעבעדיקער? קיין איינער ניט.
די גאַנצע האָפענונג איז נאָר, אַז די באָלשעוויקעס זאָל אַראָפּ-
וואַרפן ניט דער אופגערעגטער האַמוין, נאָר אַ פרעמדע אָרגאַני-
זירטע מאַכט: דאַן איז צו האָפן, אַז כאָטש דריי פערטל, כאָטש
העלפט פון די רוסלענדישע יידן זאָלן בלייבן באַם לעבן.

מענדל.

איך זע, אז דו האָסט שוין טאַקע לאַנג קיין ברויט ניט גע-
געסן. וואָלסט אופעסן א שטיקל ברויט, וואָלסטו ווערן פריילע-
כער. פין ברויט מאַכט מען דאך בראַנפן.

אוורעמל.

דו מיט דיינע כאָכמעס און מיט דיינע ציטאַטן! (גייט אום).
סאַראַ אומגליקלעך פאָלק יידן זיינען! צו יעדער צייט איז מען
גרייט צו באקומען דעם טויט: האָט דאָס צאַרישע מיליטער גע-
כאַפּט קלעפּ, האט מען זיך געריכט, אַז נאָך דער מילכאָמע וועט
מען די מאַפּאלעס אָפּוואַשן מיט יידיש בלוט—איז מען געווען
גרייט צו באקומען דעם טויט-קלאַפּ, און דערווייליע האָט מען
געהאנדלט, ספּעקולירט...

מענדל.

געגאַנשט די יאגעדעס! ס'איז גאָרנישט, גאָרנישט—אַ קליינע
ציטאַט געווען.—רייד ווייטער אַוורעמל.

אוורעמל.

האָט א שיין געטאָן די זון: פעווראַל, קערענסקי, דעמאָקראַ-
טיע; ליכטיק, פריילעך, אַראָפּ די מוירע, אַ לעבן ווי בא לייטן—
נאַ דיר אַן אָקטיאבר, באלשעוויזיע, ווידער פלאַמט דער האַס
צום יידן און קאָכט, ווי אין אַ געגים-קעסל. און ניט היינט, איז
מאָרגן — ווי לאנג וועלן די באָלשעוויקעס זיך האַלטן!
נאָך אַ כוידעש, נאָך אַ האַלביאָר — זיי וועלן דאָך פאַלן,
און ווער וועט דאַן דעם צובונטעוועטן האַמוין זאָגן: אַזויפיל
זאָלסטו שעכטן און מער ניט? אַן אנדער פאָלק, ס'בייט זיך די
רעגירונג — וואָס קאָן אים געשען? אַביסל גרעסערע נאַלאָגן,
אַביסל קלענערע נאַלאָגן, אַביסל פולער צי ליידיקער די טורמעס,
אָבער דאָס גאַנצע פאָלק וועט מען דאָך ניט אויסקוילענען און—
קיין בייכער וועט מען דאָך ניט שניידן! קיין טשוועקעס אין קאָפּ
וועט מען דאָך ניט קלאפּן! קיין קינדער ניט צורייסן, קיין ווייַ-
בער ניט שענדן, קיין... קיין...

מענדל.

זאָג איך דען, אַז דו ביסט ניט גערעכט? אַוואַדע ביסטו גע-
רעכט. גערעכט, ווי גאָר די וועלט, איין זאַך וווּנדערט מיך נאָר
פון דיר. טרעף.

אַוורעמל.

פון מיר?

מענדל.

יאָ, יאָ, פון דיר, פון דיר. וואָס וווּנדערסטו זיך אַזוי?

אַוורעמל.

?

מענדל.

וואָס נאָכן קישינעווער פאָגראָם ביסטו ניט אַרופגעקראָכן
אַפן בימע און ניט גענומען דאַרשענען, אַז יידן טאָרן זיך ניט
פאַרנעמען מיט רעוואָלוציע. און ווען אַנדערע האָבן דאָס יאָ גע-

טאָן, האָסטו נאָך אַדעראַבע פֿאַריבל געהאַט. רענעגאַטן — האָסטו געזאָגט. עט, ביסט אַלט געוואָרן, אַרוועמל, ביסט אויסגעוועבט, געווען א רעוואָלוציאָנער, און היינט...

אַ וו ר ע מ ל.

און היינט ?

מ ע נ ד ל.

(הויבט זיך אוף, מיט וואַקסנדיקער לעבהאַפֿטיקייט).

אַ שמאַטע, לעבן האָסטו ניט געקאָנט און קאָנסט אפילע ניט שטאַרבן ווי געהעריק איז. עך, אַוורעמל, צוזאַמען מיט דיר אַמאָל געקעמפֿט, צוזאַמען געליטן און... און דו קענסט זיך ניט דערהויבן צו זען די גאַנצע שיינקייט פֿון דעם גוואַלטיקן וועלט-איבערברוך.

איך ווייס ניט, איך... איך פֿיל מיט דער גאַנצער נעשאָמע, מיט אַלע כושים פֿיל איך — די שיינקייט, די גרויסקייט פֿונם גאנצן אופֿטו — פֿון לעניִנס אופֿטו... אַ זעקסטל פֿון דער וועלט אַזאַ מוירעדיקער שטעך — אַראָפּגעשליידערט פֿון זיך אלץ, וואָס ס'האָט ביז היינטיקן טאָג געהערשט, וואָס ס'האָט געדריקט און ניט געלאָזן עטעמען...

אַ וו ר ע מ ל.

אַף לאַנג ?

מ ע נ ד ל.

אַף לאַנג? — דו פֿרעגסט — איך פֿרעג ניט. אויב אַף לאַנג אָדער ניט אַף לאַנג — בין איך ניט מיט די נעכטיקע הערשער. אַף לאַנג ? — איך ווייס ניט: איך קעמף — און בא מיר בלייבט די האָפֿענונג אַף אַ ניצאָכן (פויזע. לאַכט איראָניש), אַוורעמל, טאָמער זיגן מיר פֿאָרט ?

אַ וו ר ע מ ל.

דאָס קאָן ניט זיין !

מ ע נ ד ל.

מיר קעמפֿן, און מיר קאָנען ניט וויסן. אָבער טאָמער פֿאָרט? דו קאָנסט זיך דאָס פֿאָרשטעלן, וואָס דאָס וועט זיין? דו קאָנסט זיך דאָס אויסמאָלן? — ווען אלע אונטערדריקטע פֿון דער גאַנ-צער וועלט וועלן ווענדן צו אונדז די אויגן, וועלן... וועלן... נאָר גיי דערצייל! דערצייל אַ הונט, ווען מאָשיעך וועט קומען!... און וואָס האָסטו אַזוי פלוצלינג מוירע באקומען פֿאַרן טויט? אַף צו פֿאַרטיידיקן אַ „כאַיִמס”, אַ „בערלס”, אַ „שמערלס” קרעמל האָסטו ניט איינמאָל איינגעשטעלט דאָס לעבן, און היינט איז בא דיר רעכט בעסער לעקן די פיאַטע פֿונם פֿאַן איידער צו שטעלן זיך אין די רייען פֿונם קעמפֿנדיקן פראָלעטאַריאַט. אויסקוילענען זאָגסטו ? פֿאַר די פערספעקטיוון פֿון אַזאַ ניצאָכן קאָן מען מיט אלץ ריזיקירן, מיט אַלץ !

אַ וו ר ע מ ל.

ס'אַ ליגן ! אַ ליגן, אַ ליגן, אַ ליגן ! נישטאָ בא אייך קיין פערספעקטיוון ! נישטאָ ! גאַנאָווים פֿול אָנגעפיקעוועט בא אייך, זשוליקעס. צום כורבן פֿירט איר, צום קראַך.

מ ע נ ד ל.

גאַנאָווים ? טאָ אַדעראבע, שטיי ניט פֿונוויטן, קום צו אונדז, העלף אונדז. אַף דיין אָרט וועט זיין מיט אַ גאַנעוו ווייניקער.

אַ וו ר ע מ ל.

איך ? איך זאָל קומען צו אייך ? !

מ ע נ ד ל.

(געלאַסן).

איך לאַך דאָס. איך רוף דיך ניט. קיינער דאַרף דיך ניט. זיך ווו דו זיצסט. ביסט אלט, אויסגעוועבט, ביסט אַ שמאַטע גע-וואָרן, מער ווי אַף א פאַרטיע שאָך טויגסטו שוין ניט (קורצע פויזע) און טאַמאַרע האָט זיך טאַקע ארויסגעקליבן?

אַ ו ו ר ע מ ל.

צו מאָשע-כאַימען. יאָ. און גוט האָט זי געטאָן. וואָרעם טאָמער... און די דירע איז שטאַרק קאָמפּראָמיטירט — זיי וועלן געוויס קומען אהער. דו האָסט זיך אויך געדאַרפט פונדאַנען אַרויסקלייבן.

מ ע נ ד ל.

האָט זי זיך טאַקע אַרויסגעקליבן, הייסט עס, און גאָר...

אַ ו ו ר ע מ ל.

איך זאָג: דו האָסט אויך געדאַרפט...

מ ע נ ד ל.

(הויבט זיך אויף, וויל גיין צו זיך, שטעלט זיך אָפּ).

וואָס איז זי אַנטלאָפן? וואָס איז די איילעניש, די לויפעניש? וואָס איז די מוירע? נאָך גיבן מיר זיי די שטאָט ניט אָפּ. און טאָמער יאָ, און טאָמער ווערט מען געהאַרגעט... עט! (אָפּ צו זיך.ביילע מיט מאָשע-כאַימען קומען פון רעכטס ריידנדיק).

מ אָ ש ע־כ אַ י ם.

...און דוכט זיך, וואָס?—אַ הינקעדיקער שניידער און געוועזן היינט—איר וועט גאָרניט גלויבן. געוועזן, ווי איר זעט מיך אַ יידן... איר הערט, אַוראָהאָמקע—געוועזן, כי-כי-כי! אָי, אָן אַ בויך צו בלייבן, איר וועט גאָרניט טרעפן. נאָר איך טאָר ניט ריידן. אַ וואָרט ניט—קוילעט מיך. און מאָשע-כאַים קאָן שווייגן, אַז מען באַדאַרף.

ב יי ל ע.

אָבער זי וואָס מאַכט דאָרטן?

מ אָ ש ע־כ אַ י ם.

יע, גאָר פון זינען אַרויס: איך גיי דאָס טאַקע. איר הערט צי ניין, אַוראָהאָמקע? איך זאָג: געדאַרפט זיך אַזויפיל יישעון? אייער טאַמאַרעטשקען איז אַזוי געפעלן באַ מיר, אַז אַהיים

ווייל זי שוין גאָר ניט אַריינשמעקן, ווייל ניט, ווי איר זעט מיך אַ יידן, ווייל ניט, איר הערט צי ניין?—בעשום אויפן--ווייל ניט, אַז איך זאָג איר—אַ קישן, וועט זי שלאָפן אָן אַ קישן.

אַ ו ו ר ע מ ל.

האָט מיסטאָמע קיין צייט ניט—מ'איז דאָך פאַרנומענע מענטשן מ'ראַטעוועט די וועלט...

ב יי ל ע.

נישקאָשע, איכל איר אַ קישן אַוועקטראָגן, אַגעוו עפעס צו עסן אויך—געפאקט אַביסל קאַרטאָפלעס אין אָטשערעד.

אַ ו ו ר ע מ ל.

אונדזערע היינטיקע גליקן. סאָציאַליזם!

ב יי ל ע.

כאָסנס צאַד ! דרייט שוין מיט דער נאָז...

מ אָ ש ע־כ אַ י ם.

אַ! אַי, אַי, אַי? ווי לעבט איר דאָס אין דעם ראַעש; סאראַ פאָרעניש, סאַראָ יאָגעניש! היינט די קלעפ!—דאָס איז, אַפּאָנים, פון אונדזערע הארמאַטן. אונדזערע, כע-כע-כע, שיסן אויך ניט מיט קיין בולבעס. און, איר הערט צי ניין?—איך זאָג: דער באָכערל, וואָס איז דאָ נעכטן מיט טאַמאַרען געוועזן—אַי, סאראַ יאַט! אָבער די פוילישע וועלן, זאָגט מען, פאָרט נעמען די שטאָט...

ב יי ל ע.

(זיפצט).

ווער ווייס, ווער ווייס... ס'ערשטע וועלן זיי געוויס מאַכן אַ פאָגראָם און אויסקוילענען עפשער האַלב שטאָט יידן.

אַ ו ו ר ע מ ל.

(לעבן פענצטער, ציטערט נערוועז)

אַ צוואנציק-פינפונצוואנציק פראָצענט וועט מען מיסטאָמע... די איבעריקע וועלן דאָך אָבער בלייבן לעבן.

מ אָ ש ע־כ אַ ִ ם.

און איך זאָג, איר הערט צי ניין?—איך זאָג: ס'זאָל זיך געפינען אַ ייִד, וואָס זאָל זיין אַ גוטער פריינט די פּאָליאַקן און וואָס זאָל זיי נאָך צוהעלפן קעגן אונדזערע—איז קאָן דאָס גאָר, דוכט זיך, ניט געמאָלט זיין.

בּ יי ל ע.

מ'קאָן וויסן! ס'זיינען דאָך שטענדיק פאַראַן נידערטרעכטיקע מענטשן, וואָס פאַרקויפן די נעשאָמע צוליב... צוליב... אַן אַזעף... אַ סראָעל-מיכל קאַפּלינסקי... אָט ווייסט איר וואָס, רעב מאָשע-כאַיִם? אויב איר גייט יעצט אַהיים, גיי איך טאַקע שוין מיט אייך און טראָג איר עפּעס אַוועק.

מ אָ ש ע־כ אַ ִ ם.

זי איז טאַקע געקומען אָט דאָ ניט לאַנג פון גאַס, איז זי געקומען—גאָר אַ פאַרמאַטערטע. קומט זשע.

(ביילע מיט מאָשע-כאַימען אָפּ רעכטס).

אַ וו ר ע מ ל.

אַזעף, ייִסראָעל-מיכל קאַפּלינסקי... און פרווו זיך אָפּזאָגן פון דער כאַווערשאַפט! (שפּאַנט אום) — — — און עפּשער האָב איך דאָס פּאָרט ניט געדאַרפט טאָן? — — — די לאָגיק האָט איר קויעך אָנגעוואָרן. איך איינער האָב געטאָן, ווי די לאָגיק האָט געוויזן, און — — — ניין, מיר פאַרדריסט ניט, ניין! איך האָב געדאַרפט אַזוי טאָן. איך האָב געדאַרפט אַזוי... (פויזע, טאַמארע עפּנט פאָרזיכטיק די גאַס טיר, קוקט אַריין און רוקט זיך פאָרזיכטיק אַרויס צוריק).

אַ וו ר ע מ ל.

און טאַמארע האָט אַפילע קיין וואָרט ניט איבערגערעט, געוועז צופרידן צו אַנטלויפן פון שטוב... פון מיר... (ציטערט נערוועז) זי מוז עפּעס פאַרשטיין... דער שליסל... און ביילע... ביילע... ווען זי זאָל זיך דערוויסן...

פ ע ס ק ִ ן.

(קומט פון גאַס).

אוף! פאַרמאַטערט (זעצט זיך). נו, פאַניע ווילק, היינט — היינט דאַרף שוין זיין פאַרטיק דער קאָסטיום, אַף געוויס, — וואָרעם מאָרגן, ווען די פּוילישע וועלן דאָ זיין, דאַרף ער דאָך שוין אַרויסגיין אין גאַס, ווי אַ מענטש. וואָס שרעקט איר זיך אזוי?

אַ וו ר ע מ ל.

(האט א שטאַרקן ציטער געטאן צוליב אַ קלאַפּ פון א הארמאַט, באַהערשט זיך).

איך שרעק זיך גאָר ניט. מאַלע וואָס... מאָרגן — זאָגט איר? אין גאַס? מאָרגן וועט דאָך זיין דער פּאָגראָם.

פ ע ס ק ִ ן.

דער פּאָגראם? איז וואָס האָבן מיר מוירע פאַרן פּאָגראָם? אונדז וועט מען דאָך ניט טשעפּן. און אַף ווען מיר וועלן אָנווייזן... איר האָט געהערט, וואס וואנסיאצקי האט געזאָגט? אף ווען מיר וועלן אָנווייזן...

אַ וו ר ע מ ל.

(גייט אום, רעט ווי צו זיך אַליין).

אָנווייזן, אָנווייזן, אָנווייזן... אומגיין אין גאַס און אנווייזן: דעם שניידט ניט, דעם האַרגעט ניט, דעם קוילעט ניט, אָבער יענעם האַרגעט, יענעם קוילעט, שניידט, פאַרגוואַלטעוועט — אויפעלעך, אלטע — — — (כאַפּט זיך פארן קאָפּ). פינפונצוואנציק פראצענט! און עפּשער פופציק פראצענט — — — און אלץ, קעדיי די איבעריקע פופציק פראצענט צו ראַטעווען. און עפּשער— — — עפּשער האט מען עס גארניט געדארפט? עפּשער האט זיי גארניט געדראט קיין סאקאנע? — — — און יענע? וועלן זיי דען וועלן פון מיין האַנט אַ מאַטאנע — דאס לעבן? פון מיין האנט?— אַזעף, ייִסראעל-מיכל... מיין אייגן קינד וועט דאך ניט וועלן.

(בלייבט שטיין פארשטארט, און אז פעסקין הויבט אן ריידן, כאפט ער זיך אוף ווי פון שלאף).

פּעסקין.

(האט אומגעשפּאַצירט אונטערזינגענדיק).

טע-טע-טע-טע ... (שטעלט זיך אפּ). אַז אסער, אויב איך פֿאַרשטיי, וואס איר רעט און וואס איר טרייסלט זיך, וואנסיאצקי? איז א פּארעך, וואס איך האנדל שוין מיט אים ניט איין יאר. שוין ניט איין געשעפֿטל בא אים געמאכט. זאגט ער ארויסוואַרפֿן, איז ארויסגעוואַרפֿן, זאגט ער צאלן, איז געצאלט. ער איז אַ גרויסער פּארעך, און זיינער א ווארט איז א ווארט. מוירע האָבן פֿאַרן פּאגראם איז ניטא וואס. אַי וואס איר זאגט — אַנוויַזן? — איז פּארוואס ניט? פֿארוואס ניט ראטעווען יידן פֿון טויט? אגעוו — כע-כע! — קאן מען דערביי מאכן גאר א פֿיינע קאפּיקע... טע-טע-טע-טע. . און ווער עס וועט ניט וועלן?...

אַוורעמל.

(האט אים א רעגע אנגעקוקט פֿאַרווּנדערט, צולאַכט זיך פּלוצלונג משוגענדיק).

כאַ-כא-כאַ-כאַ! א פֿיינע קאפּיקע מאכן, כא-כא-כא-כא! נאט אייך מיין האנט, כ א וו ע ר פּעסקין, כ א וו ע ר — מיין כאַווער זייט איר דאך! איך בין אַזעף און איר זייט פּעסקין — איר דארפֿט דעם נאמען ניט בייטן. כא-כא-כא-כא! מיר מאכן דערביי אַ פֿיינע קאפּיקע. און ווער עס וועט ניט געבן — — —

פּעסקין.

(איז פֿריער געוואָרן אַביסל צוטומלט פֿון אַוורעמלס מעשוגענדיקן געלעכטער, שוין רויק איינגאַנצן).

אהא! געפֿעלן? נישקאשע, פּעסקין פֿארשטייט א געשעפֿט. פֿארט ניט קיין באלמעלאכע.

אַוורעמל.

יא, כאווער פּעסקין, אין דעם איבערצייג איך זיך וואס אמאל מערער. אבער יעצט גייט, איך דארף ענדיקן אייער זונס קאסטיום. גייט, כאווער פּעסקין, גייט, גייט, גייט. (שטופּט אים צום ארויסגאַנג).

פּעסקין.

נו, נו, ארבעט, ארבעט דערווייַלע. (קוקט זיך אום אין טיר). יא, אבער וואס איר האט דארטן גערעט וועגן פּראצענטן... אַף פֿופֿציק פּראצענט בין איך ניט מאסקים.

אַוורעמל.

דאס וועלן מיר ריידן דערנאך, דערנאך. גייט, כאווער, גייט גייט (שטופּט אים ארויס. שטייט א ווײַלע פֿארשטארט. כאַפּט זיך פֿאַרן קאפּ, שפּאַנט אום, בארויקט זיך). וואס איז דא געשען? איך האב זיך אפּגענאַרט? זיך אפּגענארט און מיינע כאווייריִם? איך האב זיי פֿריער ניט געקענט — די פּעסקינס מיט די וואַנסיאצקעס? ניין, אזוי דארף זיין, אזוי מוז זיין (אפּ רעכטס).

טאמארע.

(קומט פֿון גאַס, בלייבט שטיין לעבן דער האַלב-אָפֿענער טיר, גרייט צו אַנטלויפֿן).

וואָס האט ער דאָס מיט פּעסקינען אזויפֿיל גערעט? צי אַלץ וועגן קאָסטיום? (גייט נעענטער, באַקוקט דאָס געניי אפֿן טיש). דער קאָסטיום איז נאָך ניט געענדיקט. און עפּשער... עפּשער האט ער דעם שליסל פֿאָרט געפֿינען דרויסן לעבן טיר? עס קאָנען דאָך זיין צוויי שליסלען גלייכע... ניין, ניין — דער פּאַסיר-צעטל פֿון פּאָרטפֿעל ארויס — ווי אַנדערש האט ער געקאָנט ניט ווערן? אוי טאַטע, טאַטע! (שמערצלעכע פּויזע) נאָר עפּשער... עפּשער האט מענדל דעם פּאַסיר-צעטל פּאָשעט אָנגעוואָרן? אדער פֿאַרגעסן אַריינצולייגן אין פּאָרטפֿעל? — דאס קאָן דאָך אויך זיין. (פּעסטער) דאָס קאן דאָך זיין גיכער פֿון אלץ... יאָ, אַוואַדע, דאס קאָן... אָבער אַכטונג געבן דאַרף מען אף...

מענדל.

(קומט פֿון זיין צימער, דערזעט טאמארען, בלייבט שטיין).

טאַמאַרע.

(באַמערקט מענדלען, וויל אַנטלויפֿן).

מענדל.

אַנטלויפֿסט, טאמארע?

טאמאַרע.

איך... איך האב זיך דערשראָקן.

מענדל.

פֿאַר מיר?

טאממארע.

וואָס עפּעס גראַדע פֿאַר אייך?

מענדל.

איך ווייס דען?—אז דו אַנטלויפֿסט גראַדע, ווען דו דערזועסט מיך. (נעמט איר האַנט) עמעס, טאמארע, דו האסט מוירע פֿאַר מיר? (לאָזט אָפּ איר האַנט, רוקט זיך אָפּ פֿון איר) און ארויסגעקליבן זיך פלוצלונג — אַנטלאָפֿן, מיסטאמע אויך פֿאר מיר? כאַ-כאַ-כאַ! עפּ-שער גאָר פֿאר מיין צימער האָסטו דאס מוירע? האַ, טאמארע? וואס איז דאס נעכטן געווען מיט דיר? אינדערפֿרי בין איך גע-ווען פֿאַרדרייט מיט מיין פֿאַסיר-צעטל, האב איך פֿאַרגעסן צו פֿרעגן.

טאממארע.

מיסטאמע די נערוון טאַקע.

מענדל.

און איצט האסטו זיך שוין באַרוּיקט אַביסל?

טאממארע.

מע ווערט געוואָינט צו יעדן צושטאַנד.

מענדל.

מע ווערט געוואָינט?..

טאממארע.

און וואָס איז מיט אייער פֿאַסיר-צעטל? געפֿונען עפּשער?

מענדל.

אַ נעכטיקער טאָג. איך הויב גאָרניט אָן צו פֿארשטיין, וואָס דאס קאָן זיין — פֿון פֿאָרטפֿעל ארויס! און איך ווייס זיכער, אז איך האב אים אריינגעלייגט.

טאממארע.

(ענטפֿערט ניט, גייט אום אופֿגערעגט).

מענדל.

און, ע... מיטן ארויסגעבן אַן אנדער פֿאַסיר-צעטל, האט זיך עפּעס פֿאַרהאלטן. מאָדנע... דער פֿאָרזיצער האט געדאַרפֿט כאַסמענען...

טאממארע.

נו?

מענדל.

עפּעס אַ הינקעדיי־ער, אָט דער מאָשע-כאַים אייערער, דוכט זיך.

טאממארע.

מאָשע-כאַים?

מענדל.

דוכט זיך — ער.

טאממארע.

נו, נו? —

מענדל.

געקומען צולויפֿן מיט אַ צעטעלע...

טאממארע.

אַ צעטעלע? מאָשע כאַים? אַ!

מענדל.

דו ווייסט עפּעס פֿון דעם?

טאממארע.

נו, נו, ווייטער? —

מענדל.

... האט זיך דער גאַנצער פרעזידיום איינגעשלאָסן בא זיך דאָרטן, און... עס איז ניט געווען, ווער עס זאָל כאַסמענען...

ט א מ א ר ע.

מאָשע כאַיִם? אַ צעטעלע? ניט געווען, ווער עס זאָל כאַס-מענען.: (שטארק אופגערעגט, ווי צו זיך) אָבער דאס קאָן דאָך ניט זיין! און דערנאָך? מענדל, דערנאך?

מ ע נ ד ל.

די ווערסט, דוכט זיך, ווידער נערוועז, טאַמאַרע.

ט א מ א ר ע.

אָבער ער האט דאָך געקאָנט כאַסמענען, איידער ער איז אוועק?

מ ע נ ד ל.

אָט דאס וואונדערט מיך טאַקע אביסל.

ט א מ א ר ע.

ס'וואונדערט אייך? און מיך... מיך שרעקט...

(ל יי ב ק ע קומט האַסטיק פון גאַס, ט א מ א ר ע גיט אַ ציטער).

ל יי ב ק ע.

האָסט זיך פאר מיר דערשראָקן, טאַמאַרע?

מ ע נ ד ל.

עפעס שרעקט זי זיך די טעג.

ט א מ א ר ע.

וואס האב איך זיך צו שרעקן?

ל יי ב ק ע.

און ־ יינט איז זי געווען די גאַנצע צייט שטאַרק ניט אופגעלייגט.

ט א מ א ר ע.

ניט אופגעלייגט און שרעקן זיך — זיינען צוויי באַזונדערע זאַכן.

ל יי ב ק ע.

ווער קאָן וויסן...

מ ע נ ד ל.

דעריקער — פאר מיין צימער האָט זי מוירע.

ל יי ב ק ע.

פאר אייער צימער?

מ ע נ ד ל.

פון זינט מיין פאַסיר-צעטל איז פארפאלן געוואָרן.

ל יי ב ק ע.

אַ, אייער פאַסיר-צעטל... ווער ווייס, ווען ער איז פאַרפאַלן געוואָרן... יאָ, און צו אייך אייגנטלעך, כאווער כאָנעס, בין איך געקומען. דער פאַרטקאָם פאָדערט אייך.

מ ע נ ד ל.

דער פאַרטקאָם? איך בין דאָך נאָר וואס פון דארטן.

ל יי ב ק ע.

דער פרעזידיום. איר זאלט טייקעף קומען.

מ ע נ ד ל.

דער פרעזידיום? רעכט, כאַווער קאַגאַן, איר קאָנט גיין און זאָגן, אז איך קום באַלד.

ל יי ב ק ע.

איך מוז קומען מיט אייך.

מ ע נ ד ל.

אזא האַסטיקער איניען? נו, טאָ וואַרט אַ ווײלע באַ מיר אין צימער. איך דאַרף דאָ נאָך אַ פאָר ווערטער ריידן מיט טאַ-מאַרען.

ל יי ב ק ע.

קיין איבעריקע סעקונדע טאר איך ניט וואַרטן. איך האב אַ באַפעל אייך צו ברענגען, ווי איר שטייט און גייט, קימאַט ווי איר זייט ארעסטירט.

מענדל.
ארעסטירט? איך? (צוזאַמען)

טאמארע.
ארעסטירט? מענדל?

לייבקע.
דער איניען איז אַן ערנסטער. איך בעט — אָן איבעריקע רייד. איך האב אַ באַפעל (נעמט אַרויס דעם רעוואָלווער, ווי שפילנדיק זיך מיט אים).

מענדל.
אויב אזוי, מוז איך שוין לויפן מיט אייך. ס'ארא מאָדנע מיספאַרשטענדעניש! זאָגט, כאַווער, מיין היטל מיטן פאָרטפעל מעג איך נעמען פון מיין צימער?

לייבקע.
איך גיי מיט אייך, כאַווער כאנעס (גייט מיט אים).

טאַמארע.
(פאַר זיך).
און ער אויך?! (כאפט זיך פארן קאָפּ. פלוצלונג—אנטשלאָסן). לייבקע!

לייבקע.
(קוקט זיך אום, ניט אָפּשטעלנדיק זיך).

טאמארע.
לייבקע, איין אויגנבליק.

לייבקע.
לאָזט אָפּן די טיר, כאַוועך כאָנעס, איך זאָל קאָנען זען. (בלייבט שטיין). נו קום אהער, טאַמאַרע, וואָס ווילסטו?

טאמארע.
איך וויל וויסן. (ווייזט אַף מענדלס צימער).

לייבקע.
(ציט די אַקסל).

טאַמאַרע.
(לייגט ארוף די האנט אף אים).
לייבקע!

לייבקע.
(רוקט זיך אָפּ).
וועסט שפעטער וויסן. כאַווער כאנעס, שוין?

מענדל.
(קומט פון צימער).
שוין, כאַווער.

טאַמארע.
מענדל, איך... (האַלט זיך אָפּ).

מענדל.
זיי גאַנץ רויק, טאַמאַרע, ס'קאָן דאָך ניט זיין אַנדערש, ווי אַ מיספאַרשטענדעניש. איך בין באלד צוריק. (לייבקע מיט מענדלען אָפּ דורך דער גאַס-טיר).

טאמארע.
(קוקט זיי אַ ווײלע נאָך);
מענדל... ס'קאָן ניט זיין. דער טאטע, מענדל... און עפּשער? צוויי שליסלען—שוטפעס?! דער טאַטע, מענדל...—איינער אינעווייניק, דער צווייטער אויסנווייניק—שוטפעס? (שטייט אַ ווײלע פארשטארט) אָבער ניין! ס'וועט זיך זיי ניט איינגעבן! איינער איז שוין אַרעסטירט, און דעם צווייטן וועל איך אַרעסטירן. (ס'הערן זיך טריט. טאמאַרע אנטלויפט דורך דער גאס-טיר. אַווראַמל קומט פון רעכטס. ער איז שטאַרק אופגערעגט, ציטערט נערוועז).

אַווראַמל.
אָט באַלד דאַרף דאָס שוין געשען. צוריק כאפן קאָן מען שוין ניט... (מאַכט זיך אַ פאַפּיראָס. זיינע הענט ציטערן). צוריק כאַפן קאָן מען שוין ניט. קאָן מען שוין ניט... (קוקט אַפן פאַפּיראָס, פאַרויכערט). באלד וועט די שטאָט פאַרגאָסן ווערן מיט בלוט... בלוט! (וואַרפט אוועק דעם פאַפּיראָס). פינפונצוואַנציק פראָצענט. און עפּשער פופציק — — — —

אוּן עפּשער... עפּשער האָט מען דאָס טאַקע ניט געדאַרפט?...
(צווינגט זיך צו זיין רויִק, זעצט זיך צום טיש, ציילט אַף די פינגער). דאָס לאַנד איז כּאָרעוו? — איינס. די פּראָדוקציע איז צושטערט? — צוויי. אין אַ כּאָרעוו לאַנד בּא אַ צושטערטער פּראָדוקציע קיין סאָציאַליזם קאָן ניט זיין? קאָן ניט זיין — דריי. דאָס פאָלק איז אופגערעגט און בּייז? בּייז — פיר. „ייִד" און „בּאָלשעוויק" איז א סינאנים? — פינף. דאָס לאַנד איז כּאָרעוו? כּאָר... נאָר דאָס האָב איך שוין גערעכנט. איז ווי האַלט איך? יאָ הייסט דאָס—עס מוז קומען צו אַ קראַך? (הויבּט זיך אוף, רייבּט דעם שטערן). עס מוז קומען צו א קראַך? — פיר. ניין — זיבּן. האַ? וויפל? וויפל פּארט? אוי, וויפל?... פינפונצוואַנציק פּראָצענט. און עפּשער פופציק? (קוקט צוטומלט).

פּעסקין.

(שטעקט אריין דעם קאָפּ דורך דער גאַס-טיר).

מ'קאָן?

אַוורעמל.

(כאַפּט זיך אוף ווי פון שלאָף).

האַ? וואָס?

פּעסקין.

זיי וואַרטן. דאָ איז, דוכט זיך, קיינער ניטאָ? זאָגן אַז מ'קאָן.

אַוורעמל.

אַלציינס — זאָגט (פּעסקין אָפּ). אַלציינס — זאָגט, אַלציינס — — — — (שפּאַנט אוּם). ס'איז שוין סאַיוויסאי פאַרפאַלן. ס'איז שוין סאַיוויסאי... (שטעלט זיך אָפּ, דערמאָנט זיך עפּעס). אוי מאַשע-כּאַים! וואָס וועל איך אים זאָגן? ווי וועל איך אים דער-קלערן? אז איך ווייס גאָרניט, ווי אָנצוהויבּן... (קוקט אַף די פינגער).

(פּעסקין, וואַנסיאַצקי, בּאַסאוויטש און סאַפּראַנסקי קומען דורך דער גאַס-טיר, קוקן זיך אוּם. פּעסקין פאַרשליסט הינטער זיי די טיר).

וואַנסיאַצקי.

נו, אַלץ אין בּעסטער אָרדענונג. וואָס עפּעס אַזוי פאַרטראַכט, פּאַן אַבּראַם?

אַוורעמל.

דער קאָפּ. ניט געשלאָפן, זיצט, פּאַנאָוויע.

וואַנסיאַצקי.

דער קאָפּ? טוט וויי? ניט געשלאָפן?—עט! היינט דאַרף מען זיין פריילעך... בּאַלד, אָט בּאלד דאַרף עס געשען: בּאַלד רייסן אוף די בּריקן און דער שטאַבּ פון די בּאָלשעוויקעס; די אַרמיי זייערע איז דאַן אָפּגעשניטן, כּאַ-כּא-כּאַ!—און די נאַכט נאָך עפּ-שער אָדער מאָרגן פרי פאַרנעמען אונדזערע העלדישע פּוילישע לעגיאָנען די שטאָט. זאָל לעבּן אונדזער פּוילישער העלד, דער פּאַן פּילסודסקי!

בּאַסאוויטש און סאַפּראַנסקי.

אונדזער פּוילישער העלד, דער פּאַן פּילסודסקי, הוראַ!

וואַנסיאַצקי.

שטילער, אימיצער קאָן דערהערן.

בּאַס. און סאַפּ.

(קוקן זיך אוּם דערשראָקן).

פּשעפּראַשאַם.

אַוורעמל.

איז, הייסט עס, שוין אַלץ פאַרטיק?

וואַנסיאַצקי.

אַלץ פאַרטיק. פריילעך, פּאַן אַבּראַם! (קלאַפּט אים איבּערן אַקסל, אַוורעמל רוקט זיך אָפּ. ס'הערט זיך קלינגען אין די קלויסטערס. אַלע הארכן אָנגעשטרענגט, בּאַלד הערט זיך עטלעכע שטאַרקע אופרייסן).

וואַנס. בּאַס. און סאַפּ.

(נעמען אַראָפּ די היטלען. ציילעמען זיך איבּער).

ניעך בּענדזע פּאַכוואַליאָני יעזוס קריסטוס! אַ טויט די בּאָל-שעוויקעס!

(טאַמארע עפנט אומבּאַמערקט די טיר רעכטס, קוקט אריין, קוקט אַף אַלעמען פאַרוואונדערט פאַרשווינדט בּאַלד צוריק).

װ א נ ס י א צ ק י.

אַ סאָף צו דער באָלשעוויסטישער מאַכט! איצט בין איך דער באַלעבאָס. (נעמט אַרויס אַ פּאַפּיר). אָט איז אַ באַפעל פון אונדזער פּוילישער רעגירונג, וואָס באַשטימט מיך פאַרן קאָמענדאַנט פון שטאָט.

ב אַ ס. און ס אַ פּ ר.

זאָל לעבן אונדזער קאמענדאַנט—דער פּאַן וואַנסיאצקי!

פּ ע ס ק י ן.

איך גראטוליר דעם פּאַן קאָמענדאַנט. איך האָף, אַז די צוגעזאָגטע סומע פאַר מיין שטיקל אַרבעט... (ווינקט אַף אַוורעמלען, וועלכער גייט אום אופגערעגט).

װ א נ ס י א צ ק י.

אונדזער פוילן פאַרגעסט ניט אירע געטרייע דינער. וועסט זיין דער הויפּט-פּאָדריאַדטשיק פאַר אַלע שטאָטישע באַדערפעניִשן. ביסט צופרידן, מאָטקע?... ע—מארק אַראָנאָוויטש.

פּ ע ס ק י ן.

איך בין גרייט צו דינען פוילן מיט אַלץ, און דעם פּאַן קאָמענדאַנט וועל איך מיין דאַנקבארקייט אַרויסווייזן אַפן געהעריקן אויפן (נויגט זיך טיף, קושט די האַנט).

ב א ס. און ס א פּ ר.

(ווילן עפּעס ביידע זאָגן דעם קאָמענדאַנט, בויגן זיך).

דער פּאַן קאָמענדאַנט...

(ב אַ ס א װ י ט ש גיט אַ בייזן קוק אַף סאפּראָנסקען; יענער ציט זיך צוריק)

ב אַ ס א װ י ט ש.

דער פּאַן קאָמענדאַנט וועט, האָף איך, מיין געטרייען דינסט אונדזער פאָטערלאַנד אויך ניט פאַרגעסן. די אינטענדאַנטור...

װ א נ ס י אַ צ ק י.

(גיט אים די האַנט).

איך גראַטוליר דעם פּאַן באַסאָוויטש אַלס הויפּט-אינטענדאַנט.

ב א ס אָ װ י ט ש.

(גיט אַ טריומפירנדיקן בליק אַף סאפּראנסקען, נויגט זיך פאַר וואַנסיאצקען).

איך דאַנק זייער דעם פּאַן קאָמענדאַנט. זאָל לעבן דער פּאַן קאָמענדאַנט!

ס א פּ ר א נ ס ק י.

(נויגט זיך, שטאמלט).

דער פּאַן קאָמענדאַנט... איך... די אינטענדאַנטור פאַרגעבן שוין...

װ אַ נ ס י א צ ק י.

ע, ס'איז גאָרניִשט, פּאַן סאפּראנסקי. פוילן באַלוינט אירע פרעמדע דינער, וועט זי אירע אייגענע געטרייע קינדער געוויס ניט פאַרגעסן. מ'קאָן אַלס אופזעער איבער אַלע שטאָטישע אַנשטאַלטן אויך ניט שלעכט מאַכן. גראטולירן דעם פּאַן? אָדער בעסער—אַלס מיין אַדיוטאנט?

ב אַ ס א װ י ט ש.

אָ, אונדזער פּאַן קאָמענדאַנטס אַדיוטאַנט — דאָס איז אַ גרויסער קאָוועד!

ס א פּ ר אָ נ ס ק י.

(גיט אַ בייזן קוק אַף באַסאָוויטשן, אַף וועלכן יענער ענטפערט מיט אַ שמייכל, נויגט זיך פאַר וואנסיאצקי).

דער קאָוועד איז זייער גרויס!

װ א נ ס י א צ ק י.

ניט נאָר קאָוועד, כע-כע! ניט נאָר קאָוועד. ווער ס'וועט דאַרפן צום קאָמענדאַנט, וועט פריער מוזן ריידן מיטן אדיוטאַנט... (גיט אים די האַנט). דער פּאַן וועט צופרידן זיין. נו, און דו, מאָשקע... עי, ווי רופט מען דיך.

אַ װ ר ע מ ל.

(זיין אופרעגונג פאַרשווינדט; ער שטעלט זיך אָפּ, רעט געלאַסן).

מיך רופט מען פּאַן ווילק.

וואַנסיאַצקי.

אַ, פאַן ווילק! און דו ווערסט אויך זיין צופרידן מיט אונדז. ס'ערשטע, פֿאַרן פּאָגראָם דאַרפֿסטו ניט מוירע האָבן. דיין טאָכטער קאָנסטו שיקן צו מיר, וועט זי געוויס זיין זיכער. וואָס ס'איז שאַיעך דער ווייטערדיקער באַלוינונג, איז ריישיס גיב איך דיר באַלד אָפּ דאָס (נעמט אראָפּ פֿון זיך דעם אויבערבעגער, וואַרפֿט אים צו אַוורעמלען, און אליין בלייבט ער שטיין אין אַ גלאַנציקן פּוילישן מונדיר) — וועסט אים קאָנען טראָגן שאַבעס, — דאָס וועט זיין פֿאַר דיר אַ גרויסער קאָוועד, כע-כע! איך האָב נאָך אלטע זאַכן, וועסט קומען צו מיר... און טאַנצן קאָנסטו? איך האָב ליב אַ יידל, וואָס טאַנצט. זאָלסט אָבער ניט פֿאַרגעסן צו שיקן צו מיר דיין טאָכטער, פאַן ווילק. (צו די איבעריקע)· פאַן ווילק! כא-כא-כאַ-כאַ!

די איבעריקע
(לאַכן).

פאַן ווילק! פאַן בערקאָ!

אַוורעמל.

איך בין זייער דאַנקבאר דעם פאַן קאָמענדאַנט. איך וועל געוויס ניט פֿאַרגעסן צו שיקן צו אים מיין טאָכטער. צי האָט אָבער דער פאַן ניט עפּעס פֿאַרגעסן?

וואַנסיאַצקי.

ס'היטל אַראָפּ! אַניט איז — דוואַדעשטשי פּיענץ אי יעשטשע פּיענץ. געדענק דאָס.

אוורעמל.
(טוט אויס דאָס היטל).

פשעפּראַשאם.

וואַנסיאַצקי.

אַזוי, מאָשקע, און יעצט דערמאָן, וואָס איך האָב פֿאַרגעסן.

אַוורעמל.

דער יאסנע וועלמאָזשנער פאַן האָט פֿאַרגעסן, אַז די העלדישע פּוילישע לעגיאָנערן קומען אהער ערשט מאָרגן. דער-

ווײַלע אָבער זיינען נאָך דאָ אין שטאָט פֿאַראַן אַנדערע באַלעבאַטים. (עפֿנט שנעל די גאַס-טיר, שרייט): מיליצ...

(אין דער רעגע רייסן זיך דורך דער געעפֿנטער טיר אַריין באוואָפֿנטע טשע-קיסטן און מיליציאָנערן. פֿון רעכטס קומט טאַמאַרע, נאָך איר — דער עלטסטער מיט אַ היפּשער צאָל אַגענטן, אַלע מיט אָנגע-שטעלטע רעוואָלווערן, די פֿריער אָנוועזנדיקע, כוץ אַוורעמלען לויפֿן זיך באַהאלטן).

דער עלטסטער.

שטייט! די הענט אין דער הויך! (זיי בלייבן שטיין, הויבן אויף די הענט).

אַוורעמל.

טאמארע, מיין העלדישע טאָכטער! (מאכט א באַוועגונג צו איר, האַלט זיך אָפּ).

טאַמארע.
(צום עלטסטן).

אָט דאָס איז מיין פֿאָטער מיט זיין קאַמפּאַניע. נעמט זיי.

עלטסטער.

נו יאַטן, בינדט זיי און פֿירט זיי אַוועק. דאָרטן וועט אלץ קלאָר ווערן. (מען בינדט זיי די הענט).

אוורעמל.

פאַן קאָמענדאנט! אָט איז מיין טאָכטער, באשיצט זי פֿון פאגראָם. כא-כא-כא-כא! פאַן קאָמענדאַנט! און טאנצן קאָן דער פאַן קאָמענדאַנט? און דער פאַן אינטענדאַנט? און דער פאַן אַדיוטאַנט? כאַ-כאַ-כאַ-כאַ! (מ'פֿירט זיי אוועק).

טאַמארע.

(אַליין, שטייט א רעגע פֿאַרשטאַרט, קוועטשט צונויף דעם קאָפּ מיט די הענט)

אי טאַטע! טאַטע! (זינקט אַראָפּ אַף א שטול, בלייבט זיצן אָנגעשפּאַרט אָן טיש).

פֿאָרהאַנג.

2458

פרייז **75** קאָפּ.